STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11509

RU IN RUYINEN

Chaim Zeltzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים זעלצער

*

רו אין רוינגען

סקולפּטאָר : איגנאַץ קליגער

חיים זעלצער

דו אין רויִנען

לידער און באַלאַדן

צייכענונגען פון מחבר

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
תשל"ה / 1975

839.091
ז

CHAIM ZELTZER
RU IN RUINEN

חיים זעלצער / רו אין רויִנען

פאַרלאַג „המנורה",
רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House,
24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשל"ה
Printed in Israel 1975

סידור: משה חמיאל
הדפסה: „חבצלת", הרצליה

אַ וואָרט פריער

ד אָ ס ב ו ך — מײַן בן-זקונים — דערשײַנט אין אַ האַרבער צײַט פאַרן פאָלק ישׂראל און זײַן יונגער מדינה.

די לידער און באַלאַדן, וואָס איך ברענג דאָ פאַרן ייִדישן לייענער אין דער גאָרער וועלט, זענען אַן אָפּקלײַב פון צוויי כתב-ידן — „די דריטע אשמורה" און "כעלעם — די פעסטונג פון חכמה" — אונטער דעם בשותפותדיקן נאָמען „רו אין רויִנען".

די אילוסטראַציעס צו די לידער און באַלאַדן האָב איך געשאַפן נאָך אין רוסלאַנד — מיר איז געלונגען דורכצופירן דורך דער גרע-נעץ די קלישעען פון מײַנע צייכענונגען, וואָס בילדן אַן אָרגאַנישן טייל פון מײַן פּאָעטישער יצירה.

אָנגעקומען בין איך קיין ישׂראל אין די טעג פון דער יום-כּיפּור-מלחמה. די האַרמאַטן האָבן געדונערט, נאָר די מוזעס האָבן נישט געשוויגן און מיר האָט אָפּגעגליקט באַלד נאָך מײַן קומען זיך צו באַקענען מיט ייִדישע שרײַבער און טוער: (לויטן א"ב) י. ח. בילעצקי, מ. חלמיש, יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַברהם סוצקעווער, מרדכי צאַנין, מתתיהו קאַליר, יצחק קאָרן, אליעזר רובינשטײַן, ש. שווייצער און י. צ. שאַרגעל. איך האָב נושׂא-חן געווען, זיך געשאַפן צוהערער און פאַרערער צווישן די וותיקים אין לאַנד.

בײַ דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אַ באַזונדערן דאַנק דער פרוי מלכּה שי און מר ישעיהו שיינפעלד.

און צום סוף וויל איך דערמאָנען, אַז דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון אַבסאָרבציע-מיניסטעריום, ייִדישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישׂראל, קרן תל-אביב לספרות ולאמנות און קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל. חן-חן!

חיים זעלצער

לייז אויס מײַנע טרערן
וואָס איך האָב פֿאַרמשכּנט
בײַ הימל און ערד
פֿאַר אַ ביסעלע פרייד,
גאָט !

ח. ז.

די דריטע אשמורה

שלום־עליכם

כ׳קוק אויס מײַנע אויגן אויף אויגן
וואָס וועלן פֿאַרמערן מײַן בילד,
כ׳שטעל אָן מײַן אויער צו אויערן
זיי זאָלן דערהערן מײַן ליד,

(מײַן בילד איז אַ פֿענצטער,
וואָס לײַכט אין דער נאַכט,
מײַן ליד איז די פֿרייד פֿון יציאת-מצרים).

צעפּראָל איך די טיר פֿון מײַן
ווידערגעבורט
פֿאַר שווערע געשוואָלענע טריט
פֿון אייביקער בלאָנדזשעניש,
מײַן ספֿר — דער בעכער
אויף טישן געגרייטע —
כּל דיכפֿין
זאָל קומען געניסן
פֿונעם אָרעמען מאָלצײַט,
כּל דצריך
וועט קומען און אָפּגעבן
שלום-עליכם
נישט מיר,
דעם פֿאַרשפּעטיקטן דיכטער
צום איצטער פֿון נצח,
נישט מיר,
דעם פֿאַרזעסענעם מאָלער
אין אֶדום הדמים —
נאָר אים,
דעם צוריקקער אין שויס
פֿון והיה באחרית הימים.

1974

וווּהין כ'זאָל נישט גיין

וווּהין כ'זאָל נישט גיין — זיי זענען מיט מיר:
דער טינטער, די פֿעדער, דער בויגן פּאַפּיר,
דער אָפּשייַן פֿון שייַטערס, די ווינטן פֿון סטעפּעס,
דאָס קרענצעלע גראַמען — און דאָס איז שוין עפּעס.

וווּהין כ'זאָל נישט אייַלן — זיי אייַלן מיט מיר:
מייַן היימלאָזע היים און דער שליסל צו איר,
די בריל וואָס צום לייענען, און די — וואָס איך קוק,
דאָס פּעקעלע יאָרן — און דאָס איז גענוג.

וווּהין כ'זאָל נישט גיין, זיי קומען מיט מיר:
דער שטערן וואָס האָט מיך אין לעבן געפֿירט,
דאָס היימישע לשון, מייַן מאַמעס אַ טרער,
מייַן טאַטנס אַ שמייכל — און דאָס איז שוין מער.

וווּהין כ'זאָל נישט פֿאָרן, זיי פֿאָרן מיט מיר:
דאָס גילדענע ציגעלע, ווינקעלעך פֿיר,
מייַן באַבעס אַ ווערטל, מייַן פֿאַרביק פֿאַך,
דעם זיידנס אַ ניגון — און דאָס איז אַ סך.

און וווּ כ'זאָל נישט זייַן — זיי זענען מיר:
דאָס פֿעסעלע וויַין און אַ קריגעלע ביר,
און אויב נישט פֿאַרגעסן דאָס פּינטעלע ייִד,
באַקומען עס ווערט זיך דאָס אמתע ליד.

1961



שטייט אַ בוים...

צווישן מנחה און מעריב

יעקב שטערנבערגן לזכר

צווישן מנחה און מעריב
האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ שטערן,
באַגעגנט ער אין שטערנוואַלד
שטערנדיקע בערן.

צווישן מנחה און מעריב
שטיפֿן בערעלעך קליינע.
שטייט דער פֿרעמדער אין אַ זײַט
און ס'אַרט נישט קיינעם.

צווישן מנחה און מעריב
האָבן בערעכעס גרויסע
דאָס שטערנקינד פֿון הייך
אין תהום אַראָפּגעשטויסן.

צווישן מנחה און מעריב —
בין־השמשות גראָוער.
דאָס שטערנקינד בלאָנקט
אַרום אינעם עבר.

צווישן מנחה און מעריב,
ווען דער ים זיך צעשפּיגלט,
דערזעט ער דאָרט היים,
דערהערט ער זײַן וויגליד.

צווישן מנחה און מעריב —
ווײַסע כמאַרעלעך דרימלען —
די בענקשאַפֿט ציט אַרויף אים
צוריק אין זײַנע הימלען.

1973

אין לאַנגע נעכט...

אין לאַנגע נעכט, אין קורצן שלאָף
צו מיר פֿון ווײַט דו קומסט.
און ווידער בליט דער עפּלבוים,
וואָס האָט באַשירעמט אונדז.

ווי זעסטו אויס דאָרט, ווו דו ביסט,
אין אויסגעטרוימטן קאַנט?
פֿון ווײַטער ווײַט איך שטרעק דיר אויס
מײַן אָדערדיקע האַנט.

איך האָב פֿאַרשפּילט מײַן האָב-און-גוט,
דײַן בליק האָב איך פֿאַרהיט,
און אײַנגעפֿאַסט דײַן בלאָע טרער
אין מײַן פֿאַרוויינטן ליד.

באַגינען-ברען פֿון בלאָנדע טעג
פֿאַרבליבן אין מײַן האַרץ.
מיט שטילע טריט קומט אָן די נאַכט,
ווען בלומען ווערן שוואַרץ.

1961

בן ששים לזקנה

די נאַכט איז אַרײַן דורכן צעפּלאַקערטן פֿענצטער:
„מײַן גרענעץ פֿאַרלעצסטו, מײַן שוואַרץ-חן פֿאַרברענסטו
און שטראַלן דו שיקסט צו פֿאַרבאָרגענע װײַטן.
אַלץ אַנדערש בײַ דיר, נישט אַזױ װי בײַ לײַטן.
געװאָרנט נישט איין מאָל, כאַטש האַק דיך און בראַק —
די דריטע אשמורה, דו מאַכסט זיך ערשט טאָג".

זי שפּרייט אויס די פֿליגל און לעשט אויס דאָס ליכט,
מיט סאַמעטענער מאַסקע פֿאַרדעקט מײַן געזיכט,
דערלאַנגט מיר אַ בעכערל פֿול שלאָפֿגעטראַנק:
„גענוג שוין צו װאַכן!" — איך לייען איר געדאַנק.
סע לױכטן אין חשכות די אויגן פֿון סאָװע:
„בן ששים לזקנה" — איך לייען איר מחשבה.

פֿון קינדערשע יאָרן, פֿון טעג מײַנע פֿריסטע,
מײַן אויער פֿאַרנעמט איר געלאַסענעם פֿליסטער:
„געקומען דײַן אָסיען, דײַן חיות פֿאַרגייט,
דער װינט דײַנע טרוימען װי בלעטער צעװייט".

פֿאַרװאַרפֿט זי אויף מיר איר אַנװאָגיקן שלייף,
פֿאַרקלעמט מײַנע שלייפֿן מיט שלעפֿעריקן רייף,
אַ קריגעלע מידקייט צעגיסט אין די ביינער
און פֿירט מיך אַריבער אין װעלטן געהיימע —
די שװאַרצקייט — געדיכטער, די שטילקייט װערט דינער,
עס ליגט אין מײַן בעט אַ פֿאַרשטאַרצטער בר-מנן.
אַנטלױפֿן, נאָר ס'װילן די פֿיס מיר נישט דינען.
מײַן האַרץ װעט באַלד פּלאַצן פֿאַר שרעק און פֿון װיי,
עס הענגט אין דער לופֿטן מײַן שטום געשריי...

דערהער איך מײַן זיידנס שחריתדיק ברומען
און אָפּגיסן אײַל איך מיט טרערן די נעגל.
אין דרויסן עס זאָגן שוין שירה די פֿייגל,
אַ לויבגעזאַנג טראָגט זיך פֿון אַלע אַרומען:
„לא המתים יהללו יה
ולא כל יורדי דומה".

איך גיס אויס דעם נאַכטיקן קומער פֿון עמער,
אין קינדערגאַס קום איך צום היימישן ברונעם
און שעפּ-אָן פֿריש וואַסער און ברענג עס צו לערנער,
וואָס היינט נישט פֿאַרשלאָפֿן די דריטע אשמורה.
און מיט הלל באַגעגנט דעם טאָג ביי די טויערן.

1972

צייט און וועגן

עס ציט מיך שוין ווידער
צו טרוימען און לידער,
גלײַך אַלט בין איך זעכצן —
איך האַלט שוין בײַ זעכציק.

אַ שיפֿל אָן רודער,
מײַן האַרץ — קידער-ווידער,
גלײַך אַלט בין איך זעכצן —
איך האַלט שוין בײַ זעכציק.

דער וועג רופֿט מיך ווידער
און ס׳וואַרפֿט מיך אין פֿיבער,
גלײַך אַלט בין איך זעכצן,
נאָר כ׳האַלט שוין בײַ זעכציק.

אַלץ ליבער און ליבער
ז׳מיר שמשון הגבור —
דער בלינדער, אין שמערצן...
נישט קרעכצן, נישט קרעכצן.

*

און אפשר ווילסטו פֿרעגן — פֿרעג:
געווען איז פֿרייד מיט לייד און ליבע,
אַ מענטש איז אַדורך אַ פֿײַן שטיק וועג,
ווי לאַנג נאָך איז צו גיין געבליבן?

עס יאָגט די צײַט, דער וועג איז גלאַנציק,
ער ווינטשט מיר ביז הונדערט מיט צוואַנציק.

און אויב דו ביסט אַ חכם, זאָג,
צי איז די צאָל פֿון יאָרן וויכטיק?
נאָר איך פֿאַרלאָז מיך אויף דער וואָג,
ווײַל ס'לעבן איך באַטראַכט געוויכטיק.

אויף שאָלן צוויי, אין צוויי פּאַטשיילעס,
אויף צײַט און אויפֿטו איך צעטייל עס.

און ווען עס וועט דאָס לעצטע ליכט
פֿאַרלאָשן ווערן אין די אויגן,
די גרעסטע שטראָף איז גלײַכגעוויכט:
געלעבט — געמאָסטן און געוויגן.

באַשער מיר, גאָט, אַזאַ מין רגע,
דער אויפֿטו זאָל אַריבערוועגן.

1961

*

צווישן נעכטן און דעם מאָרגן
ליגט אַ בריק אַ ברעקל.
כ'וויל אַ טאָג בײַם עבר באָרגן,
ווײַזט ער מיר אַ שטעקן.

— כ'וועל דיר אָנברעכן די ביינער,
וועסטו זיך שוין קוויקן!
גיי פֿאָרויס, דו שוטה איינער,
און צעוויקל דיר דאָס בריקל.

ס'איז אַ בריקעלע אַ מאָדנע:
קורץ און לאַנג און לענגער —
ווי פֿאַר וועמען.
כאָטש ביז מאָרגן
צײַט פֿאַראַן אַ מענגע,

כאַפּ אַרויף זיך אויפֿן וואָגן,
טרײַב די פֿערדלעך הילכיק,
אפֿשר וועסטו אים דעריאָגן
ערגעץ אויפֿן מילכוועג.

*

שוועסטער, עס קלאַפּן אין האַרץ דײַנע טענות —
אויף האַרבסטיקע וועגן פויקן קאַשטאַנעס.

לאַך נישט, ווי ס'לאַכט אַ משוגענע כּלה —
אויף קברים אין מידבר לאַכן שאַקאַלן.

חשבון — פֿאַר וואָס? און תּירוצים — פֿאַר וועמען?
עס קומען די פֿייגל צוריק אין די היימען.

תּפֿילה? — פֿון אַלטקייט שוין טויב זענען געטער.
אַליין ביסט דער שׂונא, אַליין ביסטו רעטער.

מאָרגן וועט קומען דײַן זון און וועט פֿרעגן:
— ירושה? — אַ קנײַלכל פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן.

1968

חשבון — פֿאַר וואָס ? און תּירוצים — פֿאַר וועמען ?
עס קומען די פֿייגל צוריק אין די היימען . . .

איך פאָר קיין עין־שמר

א

סטעפּעס פאַרשנייטע
אין טיף פון שוואַרצאַפּל,
בילדער אין שפּיגל
פון קינדערישן פּלאַפּל:
— אבא בצבא.
— אבא עוד לא בא.
— אבא שלי לא יבוא...

רויטע קאַטיושעס,
ווײַסע בעריאָזקעס,
אַ שוואַרצע קראָ.

ב

איך פאָר קיין עין-שמר
פון שיידוועג רעננה,
כ׳פאָר פון דר׳היים אַהיים
צי פאַרקערט,
ווײַל אומעטום היים איז
אַרום און אַרום.
צעווייטיקט זיך פלוצעם
אַמאָליקער היימווי —
אַ פאַרלוירענע האַנט
אין אַ ליידיקן אַרבל,
וואָס זוכט נאָך אַן אָנשפּאַר.

איך פאָר קיין עין-שמר.

ג

דערזע איך אין בלי-טאָל
אַ פֿרישן בית-עלמין —
פֿון בלוטיקע וועגן
דאָ רוען גבורים.

געשענקט האָבן קינדער
דער מאַמען זייער **לעבן** —
שטייט פֿאַרן טויער דער טויט
אַ פֿאַרשעמטער...

איך פֿאָר קיין עין-שמר.

ד

די אויגן פֿאַרצייכענען
אין ספֿר הדרכים:
אַ טשערעדע אָקסן
און בערג קעז און פּוטער,
און פֿעטע קאַרפּן
אין אײַזערנע טײַכן,
און רערן, און שטיינער,
און פֿליסיקע מויערן
אין ריזיקע דריידלעך
אויף גומענע רעדער...

איך פֿאָר קיין עין-שמר.

ה

אויף גומענע רעדער
אײַלט נחת און טרויער,
טוריסטן און עלטער,
פּרנסה און קלײנוואַרג,
טרעמפּיסטן און ליבע,
קאָסמעטיק און וואָפן...

און גרין-געל-רויט וואָרנט,
און לעמפּעלעך ווינקען:
„גיט אַכטונג, חלילה,
פֿאַרבײַט נישט די יוצרות,
צעבײַט נישט דעם מאָרגן
אויף קלײנגעלט פֿון הײַנטן —
דאָס גילדענע רענדל
פֿון בלוטיקער שקיעה
היט אָפּ ווי אַ סגולה
אויף נישט צו באַדאַרפֿן".

ו

המבדיל (להבדיל)
בין אומקום און אויפקום —
כל חי און כל נע
פֿאַרשטאַרט אויף די וועגן.
נישט אָפּגעשטעלט האָבן זיך
אונדזערע הערצער
אין דראַנג
ווי די כוואַליעס,
אין פֿלי —
ווי די פֿייגל...

איך פֿאָר קיין עין-שמר.

1974

די זון איז דאָ אַ וואַרעמע

אויפֿן צווייַגעלע אַן אַנדער פֿייגעלע,
און אַן אַנדערער דער הימל,
און די גראָזן אונטן
אויכעט אַנדערע,
און איך אַליין בין אַנדערש —
נישט קיין וואַנדערער.

און די זון איז דאָ אַ וואַרעמע,
אַ מילדערע,
און די קינדער דאָ —
ווי אומעטום די קינדערלעך,
שפּילן זיך אין זאַמד,
מיט שטיינדעלעך,
און צו זיבן יאָר
בייַטן זיך די ציינדעלעך.
און צו אַכצן יאָר
נעמען זיי די ביקסעלעך,
און אַז גאָט באַשערט,
און אַז מען דערלעבט
גיט מען אויס קדישים
נישט פֿאַר שיקסעלעך,
וועלכע סודען זיך:
— מייַן זשידעקל איז אומעטיק
אַ ביסעלע.
— בלוטצאַפּערס פֿאַרביסענע...

1974

איך האָב געבראַכט דיין בלוט

דעם אָנדענק פון מיין זיין
הקדוש ר׳ יחיאל זעלצער הי״ד

איך קום פֿון אַ לאַנד
ווו פֿאַלנדיקער שניי
דערמאָנט דעם פוך אין שחיטה-געסלעך,
אַ רויטער דאַך מיט אײַזליכטלעך באַזוימט —
חזירניקעס מיט קוילער-מעסערס.

פֿון מעסערס רינט,
פֿון שאַרפֿע טריפֿט
דײַן בלוט
אויף שטיין פֿון האַס צעגליטן.
ס׳באַוואַרפֿן מיך מיט שטיינערדיקן בליק
די יורשים פֿון ראָמאַנאָווער שליטים.

עס זידט אין זיי עמלק-גיפֿט,
ווײַל ס׳איז מיר מיאוס
סײַ בינען-ביס,
סײַ טעם פֿון זייער רויטן האָניק.
פֿאַרזשאַווערט איז די אַלטע האַק,
דער ברוק פֿאַרגאָסן מיט אַספֿאַלט,
זייער האַק און שטיין —
שוואַרצמאהדיקע עלעקטראָניק.

די לאַנגע פֿליִענדיקע הענט
זיי שטרעקן אויס צו מיר
אין מײַנע וואַסערן,
אין מײַנע הייכן.
אוי, זיידעניו,

וואָס ווילן זיי פֿון מיר —
אַ נײַעם „איכה"?

געגאַנגען בין איך דורות-לאַנג,
געקומען אין דײַן תהלים-לאַנד
דורך רויטע רעגנס און פּאָגראָמען.
ס'איז דײַן געביין פֿאַרבליבן דאָרט —
געבראַכט אַהער איך האָב
דײַן בלוט,
דײַן פֿינפֿטן דור,
דײַן שטאָלצן נאָמען.

1974

און אַז איך שטויס זיך אָן

און אַז איך שטויס זיך אָן
אויף טירן
אויף פֿאַרשלאָסענע,
דערמאָנט עס מיר די ברייטע הענט
און טירן שטענדיק אָפֿענע,
און די מזוזות —
נישט קיין זילבערנע,
נאָר בלעכענע.
פֿיל איך איבער זיך דעם הימל
וואָס איז קיינעמס נישט
און אַלעמענס,
און איך דרינג אַרײַן
דורך טירן נידעריקע
אין וועלטן העכערע.

און אַז איך שטויס זיך אָן
אויף הערצער
אויף פֿאַרשלאָסענע,
איך קוק אַרײַן אין קאַלטע אויגן
ווי דורכן שטעכלדראָט
עס קוקט אַרײַן אין פֿרעמדן הויף
אַ יתומל.
צעבילן זיך צוויי בייזע הינט
און שפּרינגען,
רײַסן זיך פֿון קייטן.
גיי איך מיר אין פֿעלד אַרײַן
טוליען צו דער ערד
דעם ווייטיק.

1974

שטייט אַ בוים

רויטע ערד און הייסער שטיין
נישט פֿון ברענענדיקער לופֿט,
נאָר פֿון מי און שלאַכטן —
שטייט אַ בוים מיט בלויער קרוין
און ער וואַרפֿט אויף רויטער ערד
טויזנט בלויע אויגן.

אויגן קוקן זיך אַרום —
אײַנגעקאָרטשעט אויף דער ערד
ליגן טויטעביימער.
צווײַגן-וואָרצלען צו דער הייך,
וואָרצלען-צווײַגן צו דער טיף
אין געפּלעכט געהיימען.

לויפֿן הירשן אינעם וואַלד —
הירשן-ביימער לויף-געדריי,
הערנער-צווײַגן פּלאָנטער.
הער איך טרוקענעם געקנאַל,
אויפֿן ביימער-ביינער באַרג
טאַנצן קרומע שדים.

קום איך מיט אַ שאַרפֿער זעג
און צעטרײַב דעם שדים-טאַנץ
מיט דעם בליץ פֿון ציינער.
לייז איך אויס פֿון טויט-געפּלעכט
און איך שענק דעם בלויען בוים
לעבעדיקע וואָרצלען.

1974

אויף מיין גאַס

א

קיין ביימעלע נישטאָ נאָך נעבן הויז,
קיין שאָטן —
די גערטנער ווינען אויף מייַן גאַס
און פֿלאַנצן ערשט דעם קינדער־גאָרטן.

ב

זעכצן וועגעלעך אין דרויסן,
זעכצן ווייגעלעך אין שטיבער,
פּופּצן ווייַסע טייַבעלעך —
איינס איז שוואַרץ געוואָרן.

ג

פּירווינקלדיק, פּירשטאָקיק גליק —
אַ טיר, אַ שילדעלע, צוויי נעמען.
דער שלאָס — געליימט,
דאָס גלעקל — שטום.

אויף לוחות שטיינערנע אין בערג
הייַנט פֿלאַנצט מען איבער איינעם...

רעננה, 1974



פופצן ווייסע טייבעלעך —
איינס איז שוואַרץ געוואָרן.

ווייז מיר דיין דלאָניע

ווײַז מיר דײַן דלאָניע —
אַ טרעפּערקע בין איך.

ווערט בלאַסער זײַן שאָטן
אויף שניי־ווײַסער וואַנט:
— קינד, כ'האָב אין שלאַכטן
פֿאַרלוירן מײַן האַנט.

לייגט זי אַנידער
אַ בינטעלע קווייטן.
פֿאַרגראָבט ער זײַן פּנים
אין ליכט
און ער לאַכט:
— וואָס ברענגסטו מיר
בלומען
אַצינדער, בײַ נאַכט?

הייבט זי אָן לאַכן.
זעט זי — ער שמייכלט.
מיינט זי, אַוודאי,
ס'געפּעלט אים די שפּיל,
לאַכט זי נאָך שטאַרקער,
לאַכט זי נאָך העכער
און וויינט אין דער שטיל.

1974

זאָלן ברענען דיינע טרערן

ווו געוועזן דיַין שטיין, דער גרויער,
ציטערט אין דער לופֿט דער טרויער.

דאָרטן, ווו דיַין צאַם געשטאַנען —
דערנער דיַינע ביינער צאַמען.

כ'הער זיך צו צו דאַרע דערנער
ווי זיי שעפּטשען: „זע נאַר, הער נאָר,

ס'איז די וועלט אַראָפּ פֿון זינען —
רו פֿאַרוואַנדלט אין רויִנען.

פֿרעג זיך אָן בייַ זון און שטערן:
וועמען קאָן די שטילקייט שטערן?

אפֿשר וועט די זון דיר זאָגן
ווהין ס'האָט דעם שטיין פֿאַרטראָגן?

וועט די זון מסתמא שוויַיגן,
נישט איר אומגליק — נישט איר דאגה.

עס וועלן שטערן גאָרנישט זאָגן.
נישט זייער פּלאָג, נישט זייערע זאָרגן.

און דעם ווינט איז אויך נישט נייטיק —
נישט זיַין ווײ און נישט זיַין ווייטיק.

װעל איך מאָלן דערנער דאַרע
אויף די פֿעלדער און די יאַרן.

װעל איך אין מײַן האַרץ פֿאַרהיטן
אויך דײַן שטיין װאָס איז פֿאַרשניטן...

װעל איך נאָך אים שבעה זיצן,
אויפֿן שטיין אין האַרצן קריצן
אַ מנורה — זיבן רערן —
ס׳זאָלן ברענען דײַנע טרערן.

דיין יאָרצייט איך זוך

דיַין יאָרציַיט איך זוך צווישן טעג פֿונעם יאָר —
אין שלאָפֿלאָזע נעכט אַ פֿאַרגעסענעם חלום.

דאָס בערגעלע כ׳זוך צווישן טאָלן און בערג,
דיַין שאָטן אויף רוסישע סטעפּעס פֿאַרשנייטע.

דיַין שטיין נישט געשטעלטן איך זוך אומעטום —
אַוועקשטעלן וועל איך אים נעבן דער מאַמען.

די שפּורן פֿון דיַינע געשוואָלענע טריט
איך זוך אויף די וועגן די לעצטע סיבירער.

דיַין תּפֿילה די שטילע — דיַין שטומען אחד —
פֿאַרוואָיעט עס האָבן די שכורע ווינטן.

דיַין בליק דעם פֿאַרלאָשענעם כ׳זוך אין דער הייך —
פֿאַרכאַפּט און פֿאַרוואָגלט אים האָבן די כמאַרעס.

דיַין רוף נישט דערהערטן איך זוך אויף דער ערד —
אָנקומען ער זאָל צו די שפּעטערע דורות.

ווי הייסן גרימצאָרן אין פֿויסטן איך טראָג
דיַין נאָמען...

*

מאַמע, ווען דזאָטן די צײַט וועט אויפֿרײַסן,
אַרויסהענגען וועסטו די לײַלעכער ווײַסע
און איבערן שלום וועסט מאַכן אַ ברכה,
ווײַל יום-טוב וועט ווערן בײַ טאָג אין דער וואָכן.
און נעמען אָן שטיינער, פֿון שטיינער די נעמען
פֿאַרפֿלייצן די וועגן און שטעגן צו היימען
און טראָגן אויף ברוסטן די שטערן פֿון צאַמען
און דו וועסט זיי אויפֿנעמען, הייליקע מאַמע,
אַיעדן באַזונדער זײַן ווינקעלע ווײַזן,
זײַן פֿרישן געלעגער מיט לײַלעכער ווײַסע.

קישענעוו 1903

אין טויערן פֿון שחרית
באַווייַזט זיך דער זיידע
און וועקט אויף די טעכטער
און זין זייַנע דרייַצן:
— קומט, לאָמיר צעעפֿענען
די אַנדערע טויערן!
דער זיידע טרייַבט אונטער:
— נו, פֿריילעכער, קינדער!
צעעפֿנט די טויערן
פֿון שפֿע און ברכה,
די הערצער צעעפֿנט
פֿאַר צדקה וחסד,
צעפּראַלט שערי־יושר
און שערי־ישועה...

אויף שוועל פֿון די טויערן
פֿון רויטן יאָרהונדערט
באַגעגנט דעם זיידן
די רוצחישע האַק.

צעשפּאָלטן אויף צוויי,
און אויף פֿיר,
און אויף זעכצן,
צעטיילט ער זייַן בלוט,
און זייַן לייַב
און זייַן לעבן:
יחיאל אריה־לייבס,
יחיאל פּעטער איצלס,
יחיאל חנה־ביילעס,
יחיאל שלום־מאַנעס,

יחיאל באַסיע-פריוועס,
יחיאל מומע ליבעס,
יחיאל פֿעטער בערישס,
יחיאל לייבל-ציפּעס...
אים צו לענגערע יאָרן —
מייַן ברודער יחיאל
בן אליעזר —

דער זיידע הקדוש,
יחיאל בריטשאַנער,
צעטיילט האָט זייַן נאָמען
מיט אָפֿענער האַנט.

באַלאַדע וועגן מיין טאַטן

צו מיין טאַטן אין קראָם פלעגט אַריינקומען
דער מערדער פונעם זיידן יחיאל הי״ד

מייַן טאַטע געוואָרן איז אויף דער עלטער
אין אייגענעם קרעמל אַן אָנגעשטעלטער —
דאָס קרעמל געוואָרן איז זייַן באַלעבאָס.
פֿאַרקויפֿט אַ ריסקל, אַ קאָסע, אַ שלאָס.

אין קראָם קומט אַרייַן אַ באָרוועסער פויער
און ווייַזן ער הייסט זיך אַ שלאָס צו זייַן טויער.
ער שרייַט צו מייַן טאַטן: — ברע, לייזער, ביסט בלינד?
געמאָנט כ'האָב אַ שלאָס, דו ווייַזט מיר גאָר הינט.

— שאַ — ענטפֿערט מייַן טאַטע — פֿאַרשטייסטו, געאָרגע,
אַזוי וועלן אויסזען די שלעסער פֿון מאָרגן.
באַהערשן די וועלט וועסטו, ווערן אַ גביר,
וועלן די וועלפֿהינט היטן דייַן טיר...

אַוועק איז דער פויער און קומט גלייַך צוריק
און עקבערט מייַן טאַטן מיט שטאָלענעם בליק.
ער שטייט אַ באַשוכטער, אַ נאָר-וואָס ראַזירטער —
געאָרגע — אויס פויער, געאָרגע איז ריכטער
מיט קאָסע אין האַנט אין ערגעצוולאַנד.

— מיר'ן אויסראָטן — שרייַט ער — פֿון פֿעלד די בוריאַנעס!
— מיך מיינסטו, געאָרגע?
— מאַך נישט קיין טענות!
דעם שלאָס נעמסטו מיט, פֿאַרגעס נישט דעם ריסקל!
און ס'רינגלען אַרומעט מייַן טאַטן די ביקסן.

— פֿאַר וואָס? — פֿרעגט דער אַלטער פֿון שפּיזן געפֿלעכט.
— ס'איז אונדזער געזעץ טאָקע שטרענג, נאָר גערעכט —
און הענגט אויף די רגע דעם שלאָס אויף זײַן מויל —
דאָס וואָרט האָט די ביקס, דאָס לעצטע — די קויל...

מיטן שלאָס אויף די לעפֿצן און ריסקל אויף אַקסל
אַוועק איז מײַן טאַטע און וועגן געפֿלאָסטערט,
און גריבער געגראָבן, און קברים פֿאַרשאָטן,
אין שנייען געזונקען, און בלאָטעס געקנאָטן —
געאַרבעט מיט חשק, געהאָרעוועט געטרײַ
און ס'האָט אים די הייליקע פּראַצע באַפֿרײַט.

אָט לויפֿט ער אַהיים און פֿאַרשווינדט אין אַ גרוב,
דערשײַנט אינעם בילד אויף דער וואַנט אין מײַן שטוב.
פֿרעג איך אים: — טאַטע, ווו ביסטו געוועזן?
שווײַגט ער, נאָר ס'ענטפֿערט מײַן אייגן געוויין...

— וואָס יאָמערסטו, שוטה, וואָס כליפּעסטו, קינד,
מיר האָבן דאָס אייביקע לעבן פֿאַרדינט.
נאָר אונדזערע יורשים — נישט איר — וועלן קומען
חברה נישט טויבע, נישט בלינדע, נישט שטומע.

פֿרעג איך אים: — טאַטע, און וואָס טוט מען הײַנט?
— שווינט נישט די שונאים און היט אײַך פֿאַר פֿרײַנד.

פֿרעג איך אים ווײַטער: — און וואָס וועט זײַן מאָרגן?
ער לעבט נאָך, דײַן שופֿט, דער רויטער געאָרגע — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
די וועלפֿהינט אין דרויסן זיך האָבן צעבילט —
צעפֿאַלט זיך די וואַנט, צערונען דאָס בילד...
מאָל איך אַ קאָסע, אַ שלאָס און אַ ריסקל
און כ'זאָג נאָך מײַן טאַטן אין מיטן וואָך יזכור.

1972

אויף שטעגן פון נעכטן

געבוירנשטאָט מײַנע, ווו פּושקין געלעבט אין פאַרשיקונג,
ווו גאַסן און הויפן פון ווײַן און בלוט געווען שכּור,
די וויג פון מײַן טאַטן, דער גרוב פון מײַן זיידן הקדוש...
אַ טרער? נו איז וואָס? — מײַן עלטער, דערלויב זײַן אַלטמאָדיש —

עס איז מײַן געמיט פון באַגעגעניש מיט היימשטאָט צערודערט,
מײַן זעכציקסטע ווערנע געפונען האָט איר צווילינג-ברודער,
נאָר נישט פון איין טראַכט — צוויי מאַמעס אונדז האָבן געבוירן —
פאַרבריידערט די נעכט פון געפעכט מיט גאָט און מיט גורל...

אוי, נעכט, מיט אויגן צעפּראַלטע, אין חשכות פאַרשפּינטע!
עס טויכן אויף בלוטיקע קרײַזן און לאָזן נישט שלאָפן.
צו אָפענע וווּנדן, ווי פענצטער אין וועלט אַרײַן אָפענע,
פון גרויליקע ימען אײַלן געזאַלצענע ווינטן
און ברענגען דערשטיקטן געוויין פון פאַרטיליקטע קינדער...

דערזע איך די ערד, ווו עס רייכערט זיך נאָך דער מזבח,
אין בלוט העכער האַלב אַ פאַרשפּורטער שטייט דער רוצח,
צענשטאָקיקע כוואַליעס פאַרפלייצן דעם ים פון רציחה
און איבערן שוואַרצן געווירבל צעשרויפט זיך אַ וויכער.

צעיאָגן זיך טעג און איך חלום מיט אָפענע אויגן:
פון טרוימען און וועגן איך בייג אויס און צי אָן אַ בויגן,
די פײַל — אונדזער ווייטיק — איך שיק צו פאַרבאָרגענע ווײַטן...

מײַן ברודער, מײַן צווילינג — דער זעלבער פאַרביסענער טרויער,
עס האָט אונדז פאַרצווילינגט דער זעלביקער דור פון באַדויער —
אַמאָליקער „אָנזאָג" וואָס אָנזאָגעניש איצטער געוואָרן
פאַר דורות — זיי קומען פון יאָרן אין נעפּל פון יאָרן
און קלאַפּן מיט ביינער, און טרעטן אויף שטעגן פון נעכטן,
און טראָגן אין מאָרגן די פאָנען פון משפּט גערעכטן.

1972

געווען אַזאַ צייט

א

איך ווייס, האָסט געהאַנדלט קעגן דײַן ווילן —
מען האָט דיך געוואָרנט, געשראָקן אַפּילו.
בײַ מיר אין די אויגן ביסט כּשר וישר —
געווען וואָס געווען, נו, מאַלע, נישקאָשע.

דער פּריץ הייסט טאַנצן — ער טרײַבט נישט קאַטאָוועס —
אַפּילו אום תשעה-באָב גייט מען הקפֿות.
מען מוז טאָן צוליב — צוליב זיך, צוליב יענעם —
ווײַל סײַ ווי סײַ ברענען מוז עמעץ אין גיהנום.

איך ווייס, איך פֿאַרשטיי... נאָר אויף טויערן און טירן
וואָס טויגן די שילדן: „דאָ וווינט אַ מאַרטירער!"

ב

דער אָדלער וואָס האָט נאָר איין דיכטער פֿאַרפּײַניקט,
ער שוועבט אין די הייכן נאָך הײַנט.
פֿאָסמאַקעוועט נאָך דעם אַמאָליקן תענוג,
נאָר שטעלט זיך אַרויס פֿאַר אַ פֿרײַנד.

ער איז דאָך נישט שולדיק — מען האָט אים באַפֿוילן —
צעריסן האָט ער אים די ברוסט.
ער האָט דען געוווּסט פֿון די אַנדערע גרוילן?
פֿון גאָרנישט ער האָט נישט געוווּסט.

פֿון לאַנג אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פֿון די נעגל
דער אָדלער — צו גאָט און צו לײַט.
און וואָס איז שולדיק דער חוטא בעגל? —
געווען אַזאַ דור, אַזאַ צײַט.

1971

EX LIBRIS

א

אַ זעלטענער ספֿר אין לעדערנעם בינד
האָט מײַנע פֿרייִדיקע טרערן פֿאַרדינט.

(אַ מדרש, אַ זוהר, אַ צאינה וראינה
מיט הײַנען און בערנען באַגלײַך פֿלעגן ברענען).

געראַטעוועט זיך על-פּי-נס פֿונעם שײַטער,
געקומען דער ספֿר פֿון בלוטיקע ווײַטן.

דערמאָנט מיך מײַן רבין, דער לאַנגער עקסליבריס,
אין פֿערזן געשריבן האַלב-ייִדיש, האַלב-עברית:

„...וואָס שייך?
ווער שייך?
ולמי שייך פֿאָרט?
לערן און לייג אים
צוריק אויפֿן אָרט!"

ב

אַ בוך אויפֿן שײַטער, מיר שײַנט, ווי אַ גוסס
ער כאָרכלט — עס כאָרכלען אין גאָרגל די אותיות:
די כּפֿ'ן, דער אַלף, די ריש און דער למד,
וואָס איך האָב געלערנט בײַם ערשטן מלמד...

מיך גאָט האָט באַשטראָפֿט — מיט די אייגענע הענט
דײַן ספֿרל, זיידעניו, האָב איך פֿאַרברענט.
און כ'קאָן נישט פֿאַרשטיין — דו כאָרכלסט עס, זיידע?
דײַן ספֿרד כאָרכלט?
און אפֿשר גאָר ביידע?

ג

אויך ספֿרים, ווי מענטשן — ס׳קאָן אַנדערש נישט זײַן —
זיי טראָגן אונדז גיפֿט און ברענגען אונדז שײַן;
זיי קענען באַלײַכטן און קענען דיך סמען,
אין האַרצן פֿאַרשווענכן דאָס הייליקסטע סאַמע.

(עס גייט נישט אין דעם וואָס דער תּוכן איז אַלט —
מיר לעבן דאָך הײַנט נישט אין פֿינצטערן וואַלד.
פֿון חלל מלאכים פֿאַרטריבן געוואָרן,
פֿאַר שדים די ספֿרים — פֿאַרוואַנדלט אין קבֿרים).

מײַן פֿרײַנד, ס׳איז מיר הײַנט אויפֿן האַרצן נישט גוט —
אַ ריח פֿאַרפֿאָלגט מיך פֿון בלבול און בלוט.

ד

אַ ביקס קאָן נישט שרײַבן, אַ פּען קאָן דאָך שיסן —
פֿאַרווּנדן סײַ דיך, סײַ דײַן חברס געוויסן
און ליגן איר וועט בעט־צו־בעט אין שפּיטאָל.

נאָר טרעפֿן עס קאָן אויף אַ באַרג, אין אַ טאָל —
נישטאָ ווער ס׳זאָל האַמעווען ס׳בלוט מיט אַ זשגוט
און אָפּגיין איר וועט אינעם וואַרעמען בלוט.

ס׳איז מעגלעך, מיט אײַך זאָל געשען אַ וווּנדער —
פֿאַרציִען עס וועט זיך די הויט אויף די וווּנדן...

דאָס בלוט צוגעקומען, די וווּנדן פֿאַרצויגן.
פֿאַר וואָס זשע באַהאַלטסטו פֿון מיר דײַנע אויגן?

גערֿאַטעוועט זיך על-פּי-נס פֿונעם שייטער,
געקומען דער ספר פֿון בלוטיקע ווייטן...

ה

מײַן קדיש — ער ווייסט נישט פֿון תּפֿילין און טלית —
פֿון וואַנעט זשע נעמען זיך טריפֿהנע שאלות?
מײַן זון אונטערשיידט נישט די אַלף פֿון בית —
פֿאַר וואָס איז ער הײַנט אַזוי ברוגז און בייז?

אַ ביכל ער האָט אויף מײַן טיש אויפֿגעמישט
און האָט זיך דערוווּסט: ער איז יאָ און איז נישט.
אַז אברהם אָבינו געווען איז אַ שלעכטער,
געוואָלט האָט ער אים — מײַן יצחקן — שעכטן.
(און גראָזני האָט טאַקע דערהרגעט זײַן זון —
וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ פֿלעק אויף דער זון?)

און יעקב אָבינו געווען איז אַ שווינדלער,
ווײַל אָפּגענאַרט האָט ער זײַן פֿאָטער דעם בלינדן.
און וואָס פֿאַר אַ מענטשן די ברידער פֿון דינה!
זיי קענען דערטרינקען אין בלוט אַ מדינה:
„אַן אויג פֿאַר אַן אויג און אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן" —
נקמה און שׂנאה — זייער אוראַלטע פֿאָן...

אַז וויי איז צו מיר, וואָס איך האָב דיך געבוירן
זאָלסט שעפּן פֿון קוואַלן פֿאַרברודיקטע תּורה,
נישט קענען דײַן פֿאָלק, זײַן שפּראַך, די נביאים,
דעם וווּנדער פֿון אונדזער ביז הײַנטיקן קיום!

די בלינדע נאַכט

די באָבע האָט געוואָרנט די אייניקלעך: „קינדער,
געדענקט זשע — די הײַנטיקע נאַכט איז אַ בלינדע,
אַפֿילו אַ קוק טאָן מען טאָר נישט אין פֿענצטער —
עס וואָגלען אַרום אין די גאַסן געשפּענסטער.
זיי זוכן און נישטערן — ווען זיי כאַפּן
קלעפּן זיי צו צו דער פּלייצע אַ לאַטע.
אײַך זוכן זיי, קינדערלעך, עופֿעלעך קליינע
מיט אייגעלעך קלאָרע, נשמהלעך ריינע".

מיט רוקנס צום פֿענצטער אין ווינקל באַהאַלטן
די אייניקלעך זיצן. נאָר נישט אויסגעהאַלטן
האָט איינער פֿון זיי — סאַמע דער קלענסטער —
געוואָרפֿן אַ בליק צום פֿינצטערן פֿענצטער.
האָבן שדים פֿון שטוב אים אַרויסגעצויגן,
באַשוירן די פּאות, פֿאַרבלענדט זײַנע אויגן,
געהייסן פֿאַרקויפֿן זײַן ריינע נשמה,
פֿאַרגעסן די מאַמע און בײַטן דעם נאָמען.

ער האָט נישט געפֿאָלגט — האָבן שדים דעריבער
פֿאַרשפּאַרט אים אין קעלער ווי שמשון הגבור.
דאָרט איז ער געוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער.
פֿון פֿינצטערן קעלער קאַיאָר קומט אַרויס ער
און גייט איבער גאַסן, און קלאַפּט מיט אַ שטעקן —
דער בלינדער צו תּפֿילה און תּורה טוט וועקן.
און איידער מען זעט אים מיט לאַטע מיט געלער
פֿאַרשווינדט ער ביז מאָרגן אין פֿינצטערן קעלער.

אַ זעלטענע מציאה

עס האָט די מלחמה געהאַלטן אינמיטן,
געברענט האָבן שטעטלעך, געריכערט זיך חורבות,
פֿון הונגער און קעלט האָט דער עולם געליטן,
געווען איז מען נאַקעט, געגאַן איז מען באָרוועס.

כלערליי שוכוואַרג פֿאַראַן אויף דער וועלט:
לעדערנע שטיוול, הילצערנע קלאַפּערס,
פֿוסלעס צו שיצן די פֿיס פֿון דער קעלט.
בנציון פֿאַרהאַנדלט אין מאַרק אַ פּאָר טאַפּקעס.

געקומען אַהיים און באַטראַכט די מציאה —
עס ווילט זיך נישט גלייבן — די טאַפּקעס פֿון פּאַרמעט.
מיט פֿרײַנד זיך באַראַטן אַוועק איז בנציון,
זיי האָבן געפּסקנט: — זײַ, באָנציע, קיין נאַר נישט,
בעסער ווי גאָרנישט...

דער ווינטער אַוועק —
וועסנע און זומער אַראָפּגעבראַכט רעגנס.
טרעפֿט זיך, ס'פֿאַרכאַפּט אים אַ רעגן אין וועג,
די פּאַרמעטענע טאַפּקעס פֿאַרנעצט אונטערוועגנס.

אַ וואַרעמער רעגן — דער אומגליק נישט גרויס איז —
די טאַפּקעס אין האַנט, די פֿיס אויף דער פּלייצע,
אַראָפּ איז די פֿאַרב, נאָר פֿאַרבליבן די אותיות,
דערקענט ער די פּסוקים פֿון פּרשה ויצא.

האָט ער פֿאַרטראַכט זיך, דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
אַנדערע טאַפּקעס — אַ שווערע הלכה.
פּרוּווט ער מיט שוואַקס די טאַפּקעס פֿאַרפֿאַרבן,
ווילן די קלייניקע אותיות נישט שטאַרבן.

נעמט ער מיט פעך און מיט לאַק זיי באַדעקן,
נאָר נישט געלאָזט זיך די פסוקים פאַרמעקן.
איז ער אַוועק צו אַ שוסטער פון וואַרשע —
אויך נישט געלונגען פאַרדאַרבן די פרשה.
איז ער אַריַין צו אַ מיַיסטער פון ווילנע,
זאָגט אים דער סנדלר: ער קאָן נישט און וויל נישט!
האָט ער אַ היימישן שוסטער געטראָפן —
יענער פון אים, ווי פאַר פיַיער, אַנטלאָפן.

זעט ער בחוש — דעם גורל נישט רייצן,
טאַפּקעס אין האַנט, די פיס אויף דער פלייצע,
וועגן צעוויקלען צו שטעטלעך פאַרברענטע,
ברענגען צו קבורה די שמות פאַרשענדטע.

טרעט ער אויף שליאַכן, באַגלייט אים אַ כמאַרע
און זי פאַרפירט אים אויף שטעגן צו יאַרן.
טרעפט ער דעם טראַקט, קומען ווינטן אַנטקעגן
און זיי פאַרפירן צו אויוונס די וועגן.
גייט ער אַרום פון באַגין ביז באַגינען,
קומט ער אין שטעטלעך, געפינט נישט קיין מנין.

פון שטעטל צו שטעטל באָרוועסערהייט
מיט טאַפּקעס אין האַנט ער גייט און ער גייט...

דער ניגון

אַ בלוטיקער חוזק, אַ גיפֿטיקער שפּאַס —
דער ווינט האָט געהוידעט אין גאַס אויף דער תליה
ר׳ ייִדעלעס פֿידל, ר׳ בערעלעס באַס.

די נאַכט האָט געכליפּעט, די נאַכט האָט געקלאָגט,
געקוקט פֿון די פֿענצטער פֿון ליידיקע הײַזער,
אין האַרצן געשאָלטן דעם נעכטיקן טאָג.

די שטערן פֿון הייכן אַראָפּ אין דער טיף
און וואַרטן פֿון ברונעם אומזיסט אויפֿן עמער,
אויף קלאַנגען פֿון כליופּען און קלינג, ווען עס טריפֿט.

די בלעטער זיך שושקען און ס׳ברעכן די הענט
די ביימער אין הייף מיט צעבראָכענע פּלויטן —
זיי האָבן זייער אייגענעם הויף נישט דערקענט.

אַ קלאַפּ פֿון אַ לאָדן, אַ סקריפּ פֿון אַ טיר.
פֿון ווינקל צו ווינקל — מיט קעצענע אויגן —
פֿון צימער אין צימער אַ מזיק שפּאַצירט.

דער טאָג איז פֿאַריתומט, די ווענט זענען טויב.
עס ליגט אַ צעשויבערטע, באָרוועסע שטילקייט
אויף סטעזשקעס און גראָזן, אויף שטיין און אויף שטויב.

פֿאַרשטאַרצט אויפֿן בוידעם, פֿאַרטאַיעט די שרעק.
און ס׳קוקט אַ פֿאַרקילטער, פֿאַררויכערטער קוימען
אויף פּוסטן-און-פּאַסן צעקנאָטענעם וועג.

עס שוועבן צוויי שאָטנס מיט פידל און באַס

צווײ שאָטנס פֿאַמעלעך, ווי הײמלאָזע הינט,
זיך שאַרן און שטעלן זיך אָפּ בײַ דער תליה,
ווי ס׳הוידעט דעם באַס און די פֿידל דער ווינט.

עס האָט זיך די פֿידל נאָך שטאַרקער צעוויגט,
דער באַס זיך צעקאַטשעט מיט ברוגזן ברומען —
אַ בליץ, ווי אַ מעסער, שנײַדט איבער די שטריק.

עס שוועבן צווײ שאָטנס מיט פֿידל און באַס
און יאָמערן אויס אין דער באָרוועסער שטילקײט
אַ ייִדישן ניגון אויף חרובער גאַס.

דער מצבה־קריצער

צו מרדכי מצבה-קריצער —
דעם לעצטן פֿון שטיינערנעם שטאַם —
געקומען אַ מאָל אַן אַלמנה
באַשטעלן אַ פּשוטן צאַם.

ר׳ מרדכי פֿרעגט אויס ווי אַ שופֿט:
— געווען איז דער מאַן וואָס און ווער?
— אַ שניידער.
פֿאַרטראַכט זיך ר׳ מרדכי
און קריצט אויס אַן אייַזן און שער.

געקומען אַ צווייטע אַלמנה —
דאָס זעלבע ער פֿאָרשט און ער פֿרעגט.
— אַ סטאָליער.
פֿאַרטראַכט זיך ר׳ מרדכי
און קריצט אויס אַ האַמער און זעג.

געקומען אַן אַלמן. ער טרייסט אים
און הערט אויס די ווערטער פֿון לויב.
פֿאַרטראַכט זיך ר׳ מרדכי און צייכנט
און קריצט אויס צוויי ליכט און אַ טויב.

געקומען אַן אַלמן אַ צווייטער:
— צען קינדער פֿאַריתומט די פעסט!
און מרדכי פֿאַראייביקט אַ שפּאַרבער
און עופֿעלעך צען אין אַ נעסט.

אַרייַן אין די יאָרן ר׳ מרדכי,
באַצייַטנס פֿאַרזאָרגט זיך אַ שטיין,
נאָר ס׳ווייסן נישט חיות און פֿייגל,
ווו ס׳רוט זייַן אומרויִק געביין.

ווען קריעה דאָס פֿאָלק האָט געריסן —
געקוילעט, פֿאַרברענט האָט דער דײַטש —
האָט מרדכי אויף אייגענעם שטייגער
די „פּ״-ען און „נ״-ען פֿאַרטײַטשט:

„פּה נרצח״, „פּה נחנק״, „פּה נשׂרף״.
גייט מרדכי אַרום אויף דער וועלט
און קריצט אויס אויף שטיינער סימנים,
וואָס קיינער האָט זיי נישט באַשטעלט.

בטחון

משה אַלטמאַנען

אין קיינעמסלאַנד, ערגעץ נישט-וויַיט פֿון דער גרענעץ,
אַ שטעטל געשטאַנען די גרייס ווי אַ גענעץ,
געלעבט האָט אין שטעטל אַ ייִד אַ בן-תורה,
באַפֿאַלן איז אים אין אַ טאָג מרה-שחורה.
פֿאַרוואָגלט דער שלאָף, דעם בטחון פֿאַרלוירן,
די באָרד און פאות באַצופּט און באַשוירן.

געקומען צו זיך — אין דער טיף פֿונעם שפּיגל
דערזען און פֿאַרשטאַנען — ער איז נישט קיין היגער.
פֿאַרקלעמט ער דעם שטעקן, פֿאַרגאַרטלט די פּאָלעס,
אַוועק אין דער וועלט אַריַין אָפּריכטן גלות.
געגאַן באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ זיבן וואָכן,
האָט ער געפֿונען אַ שטיקל בטחון.

און זיבן מאָל זיבן און נאָך אַ מאָל זיבן —
עס האָט אים דער אומרו אויף שליאַכן געטריבן.
און ווידער געוואָרפֿן, געיאָגט און געטראָגן,
דאָרט, וווּ גענעכטיקט, פֿלעגט ער נישט טאָגן.
פֿאַרביַי זענען יאָרן... אויף הײמלאָזע וועגן
אַ האַלבער בטחון געקומען אַנטקעגן.

געגאַן איז ער וויַיטער אין רעגנס און שנייען,
נישט אויפֿגעהערט גיין אין גליטש און זאַווייען.
ווען ס'האָבן אים וועגן אין גאַנצן צעבראָכן,
אין האַרץ זיך צעפֿלאַקערט זיַין פֿולער בטחון.
האָט ער צעריסן דאָס נע-ונד-צעטל
און שפּאַנען געלאָזט זיך צוריק אין זיַין שטעטל.

אין דר'היים נישט געפֿונען קיין ציגל אויף ציגל —
באַזעצט זיך ער האָט אין דער טיף פֿונעם שפּיגל.

באַלאַדע וועגן פּאָעט

אין הויז וווּ ס'האָט געוווינט אַמאָל דער דיכטער
דערציילן וועגט אַ טרויעריקע געשיכטע:
פֿון ערשטן שריט און ביז דעם לעצטן אות
דעם דיכטערס לעבן אונטער שלאָס און גלאָז —
עס זאָל די צײַט, חלילה, נישט צעשטערן
קיין פּינטעלע, קיין פֿלעק פֿון טינט און טרערן.

אויף אַלע וועגט געגראַמטע לײַכטער ברענען,
געגראַמטע ליבע און געגראַמטע ברעמען,
געגראַמטע ליפּן און געגראַמטער חן —
דער דיכטער נישט געגראַמט פֿאַרבלײַבט אַליין:
זיך מיטן לעבן נישט געקאָנט פֿאַרגראַמען,
ווי ס'גראַמט זיך נישט אַ הענקער מיט אַ מאַמען...

דער עולם קומט, מיט פֿאָרכטיקייט פֿאַרדינטער
באַטראַכט זײַן שטול, זײַן שרײַבטיש און דעם טינטער,
דעם אַשבעכער און בלעטלעך פֿון בלאָקנאָט,
וווּ יעדעס וואָרט — אַ פֿײַערל פֿון גאָט.

דער עולם גייט אין שפּאַן אויף ערד צעגליטער
און שלעפּט די לאַסט פֿון ווונד-און-וואַנדער לידער
דורך טעג געברענטע און געהאַקטע יאָרן
מיט כּלומרשט-פֿריידן און מיט ליידן וואָרע.
און טראָט נאָך טראָט ווען ס'קומט צום לעצטן ליד,
צעבראָכן איז מען, בלײַ אין יעדן גליד.
אין שווער געמיט דער מענטש פֿאַרלאָזט דאָס הויז,
ער אָטעמט אָפּ, און גייט אַהיים, און — אויס...
— — — — — — — —
— — — — — — — —

נאָר שפּעט — אין היכל-שיר — נאָך האַלבער נאַכט,
ווען שטרענג פֿון דרויסן איז דאָס הויז באַוואַכט,
דער גרויסער דיכטער נידערט פֿון פּאָרטרעט
און אויף די שפּורן פֿון זײַן ערשטער ליד ער טרעט...

נאָך יונג איז ער און זײַנע טרוימען פֿריש,
די גאַנצע וועלט — זײַן אַרבעטסטיש,
עס ברויזט דאָס בלוט און ווינטן בלאָזן נײַע,
און זײַנע לידער — פֿייגל פֿרײַע,
וואָס היטן זיך פֿון שטײַג און נעץ,
און וועסנע זוכן אָפּ זייער אַלטע נעסט...

פֿון וואַנט צו וואַנט מיט ווינט און בלוט אין טינטער
ער גייט אַדורך זײַן פֿרילינג און זײַן ווינטער
דורך גאַל און שפּאָט און זיבן יאָרן שווערע
צו לויב און רום און מחנות פֿון פֿאַרערער;
פֿון ערשטן ליד, פֿון פּיצל ביכל דינעם
ביז קרוין אין דער פּאָעטישער מדינה.

פֿון ליד צו ליד אַ נאַכט אַ גאַנצע גייט ער —
אַ ליד אַ נישט-דערזונגענע באַגלייט אים.

פֿון בוך צו בוך ער גייט אַרום ביז טאָג —
עס גייט אים נאָך אַ וואָרט וואָס נישט דערזאָגט.

אַ שורה דאָ, אַ סטראָפֿע דאָרט געבלאָפֿט —
עס גייט אים נאָך פֿוסטריט די צײַט און שטראָפֿט.

און ווען ער קומט קאַיאָר צום לעצטן ליד,
צעבראָכן איז ער, בלײַ אין יעדן גליד.

פֿון זיך ער ווייל אַוועק, פֿון עלנט-לויער —
עס שטייט די וואַנט, פֿאַרשלאָסן טיר און טויער.

באַשליסט ער זיך — נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער,
די גרויסע עוולה קעגן זיך באַגייט ער — — —

דער ערשטער שטראַל דעם דיכטערס וווּנד פֿאַרציט —
צוריק ער קערט זיך אום צום ערשטן ליד.

אַ בת-קול שאַלט: „ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט!"
און ווידער קוקט ער יונג אַראָפּ פֿון זײַן פּאָרטרעט.

אַ ווייסטער חלום

„איעדער מענטשן-קינד
זיין הענטל האַלט אין האַנט פון פאַטער,
דערנאָך אין ברייטער דלאָניע פון פאָלק
ער לייגט אריין זיין האַנט זיין גרויסע".
יעקב שטערנבערג

מייַן פֿאָלק האָט זיך געשטעטלט און געלענדערט,
פֿון לאַנד צו לאַנד געפּעקלט די לעגענדע...
און איך מיט יצחקן — זייַן הענטל אין מייַן האַנט —
געקומען זענען אין אַ חלום-לאַנד.

געהאַט דאָס לאַנד אַ מלך אַ רוצח,
אויף יעדן באַרג — אַ שטאָלענעם מזבח,
אַ דערנער-שטעג צום באַרג-שפּיץ איז געקראָכן —
איך האָב מייַן יצחקן, מייַן קדיש, דאָרט געשאָכטן.

געקומען איז דער מלאך, נאָר פֿאַרשפּעטיקט,
זיך אָנגעכאַפּט ביַים קאָפּ פֿון שרעק, פֿאַר ווייטיק:
— ווי וועל איך קומען פֿאַר מייַן האַר אַצינד?
געשאָכטן האָסט זייַן לעמעלע, דאָס קינד.

שלימזלניק, דייַן שטאַם האָסטו פֿאַרשניטן,
מיט בלוט באַפּלעקט דייַן פּסחיקן קיטל —
עס קלאָגט דער מלאך: ווייי איז מיר און ווינד,
ווי קומען וועל איך פֿאַר מייַן האַר אַצינד?

קומט אָן דער מלך — ס'שאַלן די פֿאַנפֿאַרן —
און דעם געליימטן מלאך ער הייסט פֿאַרשפּאַרן.
פֿון פּחד ווערט דער ווייַסער מלאך גרין,
ווייַל חייב-מיתה איז ער על-פּי דין.

בפּירוש אַ רחמנות אויפֿן מלאך,
און אויף די קני מיט הענט צעשפּרייטע פֿאַל איך:
— אדוני מלך, שולדיק כ'בין אַליין,
ווײַל נישט פֿאַרשטאַנען האָט דײַן קנעכט דעם מיין.

מיך אויספּרוּוון געוואָלט האָסטו, מסתמא,
ווי גאָט אַמאָל האָט אויסגעפּרוּווט אברהמען.
כ'האָב אויסגעפֿילט דײַן ווילן, ווי דו זעסט —
מײַן האַרץ פֿון שטאָל איז און מײַן גלויבן פֿעסט.

צעשמייכלט זיך דער מלך און צופֿרידן
מיטן אייגל ווינקט: „וואָס זאָגט איר אויף מײַן ייִדן?"
און טוט אַ פֿאָכע מיט זײַן לאַנגער שווערד,
און זײַנע קנעכט מיך הייבן אויף פֿון דר'ערד.

איך טו אַ שפּרונג און זיץ שוין אינעם זאָטל,
און גרויזאַם איז מײַן רײַטנדיקער שאָטן.
איך רײַט אַהין, ווּהין עס וויל מײַן האַר —
אַ קניפּ אין בעקל איך באַקום דערפֿאַר...

פֿאַרדינט דעם מלכס צוטרוי און אַ טיטל,
דערמאָן איך מײַן בן-יחידל מיט ביטול:
„מײַן יצחק דעמלט איז געווען אַ קינד,
ער אויף דער עלטער וואָלט געוואָרן בלינד.

זײַן רבקה וואָלט אַ צווילינג אים געבוירן...
און אָפּגעקויפֿט וואָלט יעקב עשׂוס בכורה,
און ס'וואָלט אַרויס פֿון יעקבן אַ פֿאָלק,
וואָס ערד און הימל וואָלטן עס פֿאַרפֿאָלגט.

און אַלע דורות — קינדער און קינדס-קינדער —
וואָלט פּייַן, און פּלאָג און שפּאָט געווען באַשערט,
און זיבן הויטן אָפּגעבן דעם שינדער
און אומקומען אין פֿײַער און פֿון שווערד..."

נאָר, דאַנקן גאָט, געלונגען די עקדה,
נישט אָפּגעווענדט דער מלאך האָט מיַין האַנט.
די באָבע שׂרה און אברהם דער זיידע
גלייַך נישט געווען,
און נישט געווען קיין לאַנד,
און נישט געווען קיין פֿאָלק,
קיין שוואַרצער אומקום —
דער מלך האָט מייַן יצחקן פֿאַרהיט
פֿונעם דאָרנדיקן גורל פֿון די לומפּן
מיט יידישן צעריסענעם געמיט —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

פֿאַרגעסן כ'וועל דעם חלום אָ דעם וויסטן
און אָפּקומען איך וועל מיט שרעק אומזיסטער.
עס האָט דער חלום טאַקע מיך פֿאַרפֿירט —
מייַן יצחק איז געבליבן אומבאַרירט.

פֿאַר וואָס זשע אויפֿן האַרצן איז נישט פֿריילעך?
ווייַל מיטן אייגל ווינקט דער רויטער מלך
און ס'וויינט דער גרינער מלאך אין זייַט.
די פּוסטע דלאָניע מייַנע וואָס באַטייַט?

דער פּלעשער־ייד

עס טליִען נאָך אין הימל די לעצטע האָלעוועשקעס.
פון אַש שטייט אויף אַן אביון, וואָס זאַמלט פּוסטע פלעשער.
ער גייט איבער די חורבות, געפינט ער ווו אַ פּלאַש
פון טינט, פון וויַין, אַ פלעשל פון שמן און פון י״ש —
אין זעקל אויף דער פּלייצע מיט ליידיקן געקלאַנג
ער טראָגט דעם דאָרשט פון פלעשער, זייער גלעזערנעם געדאַנק.

נאָך מעריב קערט דער אביון צוריק צו זיך אין קעלער,
אין האַנט ער נעמט אַ פלעשל וואָס איז פון שטערן העלער,
ער שטעלט אַוועק אין ווינקל דעם וווּנדער פון קרישטאָל —
ווערט ליכטיק אין דער פינצטער, ווערט פריילעך מיט איין מאָל.
צעפינקלט זיך אין פּלעשל דער אַלטער קידוש-וויַין,
צעשטראַלן זיך מלאכים אין שבתדיקן שייַן.

ער נעמט אַרויס פון זעקל אַ פלעשעלע אַ קלענערס —
דערשייַנט זייַן אַלטער שכן, דער סופר קלמן הענעס.
ער גיסט אָן אין זייַן טינטער ביז די ברעגעס טינט,
דער גראָווער סופר דאַנקט אים און שמייכלט ווי אַ קינד.
דעם דאָרשט ער האָט געבראָכן, דעם טינטער אויסגעלייזט,
באַקומען האָט אַ תיקון דעם סופרס אלף-בית.

דערנאָך ער קריגט פון זעקל אַ פלאַש וואָס שמעקט מיט זומער
אין טאָל פון הר הכרמל, מיט פרייד פון יין-המשומר.
עס שווימט צו אים אַ בעכער אין אויסגעשטרעקטער האַנט
און מיטן פולן בעכער פאַרשווינדט זי אין דער וואַנט.
באַווייַזט זיך דער לויתן, דערשייַנט דער שור הבר,
ווייַל ס'איז משיחס צייַטן, און מיר — משיחס דור?

דער אביון נעמט דאָס פּלעשל מיט קלאָרן שמן-זית
און זוכט אָפּ די מנורה אין טיף פֿון הר-הבית,
ער צינדט אָן זיבן שטערן — אַ שטערן אין אַ רער,
נאָר אַלע זיבן שטערן פֿאַרלעשט זײַן הייסע טרער...
שטייט-אויף די וועלט צו שחרית, מיט טרערן זיך באַוואַשט —
עס טליִען האָלאָוועשקעס, דער ייִד שטייט אויף פֿון אַש.

דער בלעכער

אַ בדחן געקומען צו מיר איז בײַ נאַכט,
אַ ליד מיט אַ ניגון ער האָט מיר געבראַכט —
זינג איך.

אַ קלינגענדיקער אָנהייב, אַ קלאָגנדיקער סוף —
איך האָב אויף דער וואַנט עס פֿאַרשריבן אין שלאָף —
הערט-זשע:

מיט מאַמע און טאַטע געווען איז אַ יאַט,
פֿיר ברידער, דרײַ שוועסטערלעך האָט ער געהאַט.
תּכלית?

אַרויף אויפֿן דאַך, פֿאַרווילט זיך אים העכער —
אָטעמט מיט ווינט דער באַפֿליגלטער בלעכער.
שטורעם!

ער שפּרײַזט צווישן וואָלקנס — עס דונערט דער דאַך —
און שפּילט מיטן פּריץ אַ פּאַרטיע שאַך,
די ערשטע.

די וועלט איז געקעסטלט, צעטיילט אין קוואַדראַטן:
די פּויערים — צופּוס, די פּריצימלעך רײַטן.
— נידער!

מען האָט אים פֿאַרשלאָסן אין פֿינצטערער תּפֿיסה
אויף ברויט און אויף וואַסער, דאָך שפּאָרט ער פֿון ביסן
ברעקלעך.

אָט קלעפּט ער פֿון ביטערן ליימיקן ברויט
אַ טויער, אַ מויער, אַ גאַנעק, אַ פּלויט —
בענקשאַפֿט.

ער פֿורעמט אַ טורעם פֿון טורמישער פּיטע,
באַשיצן פֿון אָנפֿאַל ער זאָל זײַנע גיטער —
טרוימען.

עס שטייען דעם קעניגס סאָלדאַטן אין רייען,
מיט בלײַענעם טויט אין זייער הייסן כּלי-זין
דראָען:

„פֿאַרבאָטן! נישט וואַגן! דאָ שטיי נישט, דאָ גיי נישט!"
נאָר ס'ציטערט די הויט און די קרוין אויפֿן קעניג. —
הענקער!

— — — — — — — —
— — — — — — — —

אַהיים איז דער בלעכער געקומען אַ זיגער,
האָט נישט דערקענט אים זײַן חבר דער היגער;
ס'טרעפֿט זיך.

ער שפּילט מיטן חבר אַ פּאַרטיע שאַך,
דער בלעכער די לאַגע באַטראַכט פֿונעם דאַך,
ווי פֿריִער.

די וועלט איז צעקעסטלט, געפֿאַרבט אין צוויי פֿאַרבן,
געפּטרט דאָס לעבן, נאָר ס'ווילט זיך נישט שטאַרבן —
רופֿט מען — — —

צום עלנטן שטיין זײַנעם קום איך צו גיין.
איך פֿרעג אים: „ווי פֿילסטו זיך איינער אַליין?"
זאָגט ער:

— מיט מיר מײַנע שוועסטער, אין גרוב מײַנע ברידער —
געלעבט מיט בטחון, געשטאָרבן אָן ווידוי.
אומקום.

מיט טאַטע און מאַמע אין קבר אין איינעם,
נאָר איך אין תכריכים, און זיי — נאָר די נעמען.
יזכור!

עס קלאַפּן אין שטיין מײַנעם האָגל און רעגן,
עס קומען די פֿייגל צו מיר זיך געזעגנען —
אָפּפֿלי.

פֿיר עלטערע ברידער, דרײַ ייִנגערע שוועסטער,
מײַן טאַטן, דעם פֿרומסטן, מײַן מאַמען, דער בעסטער —
בלומען.

און צוויי מײַנע לערערס — מײַן פֿאָלק און מײַן שפּראַך,
און מײַן גוטנברודער — דעם ווינט אויפֿן דאַך —
גריסט זיי.

און איין גרויסע ליבע, און איין גרויסע טרייסט —
געדענקט מײַן צוואָה, כ׳באַפֿעל אײַך, איך הייס —
לעבן!

און קומען צו מיר זאָלט איר איין מאָל אין יאָר
און ברענגען נישט בלומען, נאָר וויצן אַ פּאָר.
אָמן!

באַלאַדע וועגן קוימענקערער

אין דרויסן שפּאַצירט אַ לבנה אַ בלאַסע
און זילבערט דעם שניי אין פֿאַרפֿרוירענע גאַסן,
אַ צווייטע — אַ געלע אין איינציקן טעלער —
וואַרט אויפֿן טיש ביַי ר' שלמהן אין קעלער.

עס בעט זיך דער רעטעך: „שוין ציַיט צו פֿאַרביַיסן.
נישטאָ קיין גלאָז וויַין, זאָל געבענטשט זיַין דאָס וואַסער!"
דאָס זעלצערל פֿינקלט: „רעב שלמה, אַבעטאַך!"
ער שלינגט די לבנה, פֿאַרביַיסט מיטן רעטעך.

דעם בורא ער לויבט וואָס די וועלט טוט ער שפּיַיזן,
און שפּאַרט זיך צו דרימלען אויף כמאַרעלע וויַיסן —
ר' שלמה, פֿון סאַזשע און אומגליק פֿאַרשוואַרצטער,
וויַיס-בלאָע חלומות פֿאַרהיט גאָר אין האַרצן — — —

אַרויס פֿונעם קעלער — די וועלט איז אַ וויַיסע,
ס'ווינקען מיט וואַרעמע פֿענצטער די היַיזער
און קוימענס רויכערן אויף זילבערנע דעכער,
אַ פּאָרל באַגלייט אים מיט וויַיסן געלעכטער.

באַגעגנט אים עמעץ אין הענטשקעס אין וויַיסע
און וויַיסע פּאַפּירן באַפֿעלט ער אים וויַיזן.
ציטערט ר' שלמה פֿאַר שרעק און פֿון קרירה
און קאָן פֿונעם אָרט, ווי געליימט, זיך נישט רירן.

קומט פלוצעם צו לויפֿן אַ בעקער אין וויַיסן
און שיט אויס אַ זאַק פֿריש-געבאַקענע ניַיסן,
און מעשׂים דערציילט ער פֿון בלאָנדע מזיקים
וואָס האָבן צעריסן פּאַפּירענע בריקן —

אַנטלויפֿט ער אוןווינטן אים יאָגן נאָך ווייַסע
און פֿייַפֿן,
און וואָיען,
און שמייַסן,
און בייַסן.
דערזעט ער אַ שנייער אין קאַפעליוש ווייכן,
וואָס ווינקט אים און ווייַזט אַ פֿאַרבאָרגענעם צייכן.

פֿאַרשטייט ער — געפֿינען דעם בעקער דעם ווייַסן.
ער זוכט אים און בלאָנדזשעט אויף זייַטיקע גאַסן,
און ס'נאַרן אַרייַן אים אין זאַק בלינדע ליקן.

דערוואַרגן זייַן טרוים און דעם חלום דערשטיקן
די בלאָנדע מזיקים, די בריקן-צעשטערער — — —
אויס טרוימען,
אויס שלמה,
אויס קוימען,
אויס קערער.

דערזעט ער אַ שנייער אין קאַפעליוש ווייכן,
וואָס ווינקט אים און ווייזט אַ פאַרבאָרגענעם צייכן

דער ווייסער רייטער וועט קומען ביי נאַכט

דער ווײַסער רײַטער אויפֿן ווײַסן פֿערד וועט קומען בײַ נאַכט,
ווען אויגן און פֿענצטער, טירן און הערצער זענען פֿאַרמאַכט,
ווען אומרו און קומער אויף זיבעציק שלעסער אין צעלן
פֿאַרשפּאַרט,
וועט ער נישט פֿאַרשטיין, ווער ס'האָט אים גערופֿן, געגאַרט
און געוואַרט.
אַראָפּ פֿונעם זאָטל — וועט פֿירן דער רײַטער זײַן פֿערד פֿאַרן צוים,
אַ פֿוסגייער ווערן, מיט לײַטן אַ גלײַכער, אויס רײַטער — אויס
טרוים.
און אָנקלאַפּן וועט ער אין פֿינצטערן פֿענצטער צו דיר,
נאָר דו וועסט נישט הערן, נישט אויפֿריגלען וועסטו דײַן טיר.
אויף נאַכטיקע גאַסן נאָר היימלאָזע הינט אויף דער פֿרײַ,
און דער, וועמענס נאָמען דערמאָנען קעגן נאַכט נישט כּדאַי.
פֿון טויער צו טיר — מיט צעבלוטיקטע פֿויסטן ער פּויקט:
טוק-טוק-טוק!
דאָס פֿערד שפּיצט די אויערן, מיט קאָפּעטעס גראָבלט דעם ברוק.
נאָר טויב זענען טירן און שטום די געפּאַנצערטע ערד...
אויף נאַכטיקע גאַסן פֿירט פֿאַרן ציימל דער רײַטער זײַן פֿערד.
מער פּרוּווט ער נישט וועקן — אין טויב-שטומע הײַזער קיין
שאָרך, קיין ריר.
קאַיאָר ערשט דערזעט ער באַלויכטענע פֿענצטער, אַן אָפֿענע טיר.
און עמעץ, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געוואַרט און געוואַכט,
געלעגן פֿאַרשטאַרט — ער האָט אים די אויגן פֿאַרמאַכט.

באַלאַדע וועגן די דריי ווייבער

„דריי ווייבער זיצן אויף איין שטיין.
איינע זאָגט: יאָ... די צווייטע זאָגט: ניין...
די דריטע זאָגט: פון וואַנעט ס'איז געקומען
אַהין זאָל עס גיין!"
(אַ שפּרוך קעגן אַ „גוט-אויג")

ווייל איך מיר מאָלן אַ גרעסערן שטיין,
נעם איך אַ שטיינדל — וואָס קלענער איז בעסער —
כ'לייג עס אַוועק אויף דער צונג פון אַ פּייַנט,
ווערט עס אין איין שמע-ישׂראל פאַרגרעסערט.

אויפוועקן ווייַבער אין מיטן דער נאַכט
שיק איך חלומות פון וואַרעמע קאַנטן.
איידער איך טראַכט נאָך — זיי זענען שוין דאָ:
אַ שכנה, אַ קרובה און גלאַט אַ באַקאַנטע.

זעצן זיך אויס אויפן געשוואָלענעם שטיין
אַלע — די ערשטע, די צווייטע, די דריטע —
די שכנה פון לינקס, די קרובה פון רעכטס
און גלאַט אַ באַקאַנטע, די עלטסטע — אין מיטן.

זיי מיטגעבראַכט האָבן אַיעדע איר זאַק,
ווייַבערישע פריידן, אַ קריגעלע טרערן,
אויסגיסן וועלן זיי ס'ביטערע האַרץ —
לאָמיר נישט שטערן, מיר שווייַגן און הערן.

איינע זאָגט:
„געווען אַ בן-מלך און איך — אַ בת-מלכּה,
ער — קלוג ווי דער טאָג, איך — שיין ווי אַ ליאַלקע.
און אַלץ ווערט געבוירן — מיטן פּיסל אַ טופּע —
מען ברעכט שוין אַ טעלער, מען גייט צו דער חופּה.

די שפּע אין שטוב, די קינדערלעך וואַקסן —
עס דרייט זיך דאָס מזל אויף זילבערנע אַקסן.

געגאַנגען די טעג און געלאָפן די יאָרן —
אַ גאַסט אויף אַ ווײַל צו אונדז איז פאַרפאָרן.
דרײַ טעג און דרײַ נעכט גערוט פונעם וועג,
דערנאָך אָן אַ זײַ־געזונט איז ער אַוועק.

און ס'האָט זיך דאָס רעדל פאַרדרייט אויף צוריק:
און אויפגעהערט מעלקן האָט זיך די ציג,
עס האָט זיך צעקרישלט דאָס לעבעלע ברויט —
אַרײַן דורך די פענצטער און טירן די נויט,
פאַרפאַלן דאָס גליק ווי אַ נאָדל אין סטויג.
איר גלייבט נישט? פאַראַן אויף דער וועלט אַ ,גוט־אויג'!"

די צווייטע זאָגט:
„ווען כ'האָב זיך געכאַפּט: — דו האָסט זיך באַנאַרישט —
געווען איז צו שפּעט,
און דאָך, דאָך געזאָגט צום בן־מלך: — טאָוואַרישטש,
גיב מיר אַ גט!
אַוועק איז מײַן אוצר און מער נישט געקומען
ביז הײַנטיקן טאָג,
גענישטערט, געזוכט אים אין אַלע אַרומען,
געוויינט און געקלאָגט.
פאַרשטיינערט געוואָרן צוקאָפּנס מײַן קישן —
איך האָב אים נאָך ליב.
באַשאַפן איז חוה פון אָדם הראשונס
אַ וואַרעמע ריפּ.

דריי ווייבער זיצן אויף איין שטיין...

פֿאַרשפּילט האָב איך ס'לעבן, מײַן גליק אָנגעווירן —
געווען איז מיר קלאָר:
אין שפּיגל דערזען כ'האָב מײַן בלײַענעם גורל,
די זילבערנע האָר.
אַנומלט אין חלום געזען כ'האָב אַ וואַסער,
אַ גילדענע שיף,
אין הימל העל-בלאָען צוויי טײַבעלעך ווײַסע —
באַקום איך אַ בריוו.
ער שרײַבט: „כ'האָב פֿאַרפֿלאַנצט דײַנעטוועגן אַ גאָרטן"
און רופֿט מיך צו זיך.
פֿאַרבײַ איז מײַן לעבן, איך בין אַ באַיאָרטע,
איך גיי נישט — איך קריך.
און כ'בין, ווי געווען, אַן עגונה פֿאַרבליבן —
איך קלאָג און איך וויין.
איך זאָג אײַך, דאָס ערגסטע, ,גוט-אויג', מײַנע ליבע,
מיר זענען אַליין..."

די דריטע זאָגט:
זיצן צווישן „יאָ" און „ניין" איז מיר באַשערט —
ס'איז דאָס ערגסטע וואָס די ערד האָט אויסגעקלערט.

סײַ בײַ טאָג און סײַ בײַ נאַכט צוויי פּריצים רײַטן —
ווונד און ווי באַגלייטן מיך פֿוןביידע זײַטן.

דאָ — אַ פּעקל, דאָרט — אַ צרה, איך — אין מיטן;
סײַ פֿון רעכטס און סײַ פֿון לינקס האָב איך געליטן.

גוט! — אַ מעסער, שלעכט! — אַ חלף. איך — דער קרבן.
דערנער-קרוין צי לאָרבער-קראַנץ — די זעלבע טאָרבע.

הייסע קלעפּ צי קאַלטע מכּות — בלאָע פֿלעקן,
נישט קיין חילוק ווען ס'האַנט — דער זעלבער שטעקן.

ווי אַ קרענק און ווי אַ בראָך — צו מיר דערגרייכן,
אויף מײַן טיר האָט אויסגעמאָלט די פּלאָג אַ צייכן.

איינע זאָגט, די צווייטע זאָגט... וואָס העלפֿט ס'זאָגן?
ווו די קליפּה האָט געגעכטיקט, וועט זי טאָגן.

צי פֿאַראַן איז אַ „גוט-אויג'? צי יאָ צי ניין —
דער נישטגוטער אין זײַן רו וועט מוזן גיין".

גענעצט זי און ווײַזט אַ קרומען צאָן
און ס'צעקרייט זיך צו דער צײַט דער ערשטער האָן.

פיר פון איין ווערטל

א טויבער האָט געהערט,
ווי אַ שטומער האָט געזאָגט,
אַז אַ בלינדער האָט געזען,
ווי אַ קרומער איז געלאָפן...

א

דער טויבער געהאַט האָט אַמאָל אויערן וואַכע,
געהערט ווי די קינדער וויינען און לאַכן,
נאָר ס'האָט אים אַ צוגווינט געלעכערט די אויערן
און ער האָט דאָס וויגליד דער מאַמעס פֿאַרלוירן.
און ס'האָט פֿון אַמאָליקן היימישן לשון
די קלאַנגען ווי זאַנגען דער ווינט אויסגעדראָשן.
דעם אייגענעם זיפֿץ נישט באַשערט געווען הערן,
פֿאַרבליבן נאָר שטילע געזאַלצענע טרערן...

אַ טויבער דעם טעם פֿון אַ וויץ קאָן דען פֿילן?
נאָר חתונות טויבע אין גאַס פֿלעגט ער שפּילן:
— ס'וועט זײַן אַ יריד, וועט מען מעסטן און וועגן!
— און וואָס פֿאַר אַ ייִד נישט געמאָסטן די וועגן?

געקאָנט האָט ער מאַכן פֿון היטלער אַ שליאַפּע,
פֿון בלעם — אַ הינטל, פֿון הגר — אַ שקאַפּע,
דערהערט האָט ער אָבער דעם זיפֿץ פֿונעם קרומען,
זײַן יאָמער פֿאַרנומען און טרייסטן געקומען.

ב

עס האָט זיך דאָס לשון בײַ אים אָפּגענומען,
ווײַל צוגעקלעפּט האָט מען די צונג צו דעם גומען.
ער וויל עפּעס זאָגן, און קאָן עס נישט זאָגן —
דאָס וואָרט נישט געזאָגטע אין זיך מוז ער טראָגן.

אַ וואָרט וואָס עס מאָנט זיך, נאָר זאָגן מען טאָר נישט —
וואָס וועגט דען אַ וואָרט? ס'דאַכט זיך — אַ גאָרנישט.
נאָר גרינגער פֿון גרינג איז אַ וואָרט אַ קאַזיאָנע,
ווי „יעלה ויבוא" מען זאָגט אָן כּוונה...

און ווי איז צו דעם, ווער עס האָט נישט קיין לשון,
און גוט — וואָס די אויגן נאָך נישט אויסגעלאָשן,
און אונטער דער לאַסט פֿון די ווערטער געבויגן
ער שווייַגט — ער איז שטום — נאָר עס ריידן די אויגן.

ג

און ווי איז צו דעם, וואָס די נאַכט האָט פֿאַרצויגן
דעם פֿאָרהאַנג און האָט אים פֿאַרלאָשן דאָס ליכט —
ער זעט נישט אין שפּיגל זייַן אייגן געזיכט.
דאָס פּנים פֿון פֿרייַנד און דעם פּרצוף פֿון פֿייַנט,
דעם זון-אונטערגאַנג און דעם טאָג, ווען ער שייַנט!

נאָך טויזנטער הענער צעקרייען זיך, וועקן,
אויף וועגן און שטעגן פֿירט אים דער שטעקן.
ער קאָן נישט פֿון הימל אַ שטערנדל קריגן —
דערטאַפּן ער קאָן מיט די פֿינגער אַ ליגן...

און ווייַל עס איז פֿינצטער אַרום און אַרום,
ער פֿילט וואָס איז גלייַך און זעט וואָס איז קרום.

ד

דער קרומער געלאָפֿן, אין ווייַטן געפֿלויגן,
דעם בלינדן צו ברענגען דאָס ליכט פֿאַר די אויגן,
דעם שטומען זייַן לשון, זייַן היימישע שפּראַך,
דעם טויבן ס'געהער, און אַ היים, און אַ דאַך
פֿאַרן ווערטל, וואָס האָט זיי פֿאַרקנופּט און פֿאַרבונדן —
דעם קרומען, דעם שטומען, דעם טויבן און בלינדן.

1972

די פיר קרעטשמעס

געווען אויף דער בוקאָווינע
אַ ישוב „פּאַטרו קערטשומע״ —
פיר קרעטשמעס.

פֿון שטעטל כּ׳ף-נו׳ן און שטעטל רי׳ש-שי׳ן
עס פֿירן די וועגן אַהער און אַהין.
אַ מאָל אויף יאַריד, און ווער נאָך אַ ליד
פֿון דאַנען אַהינצו מען לויפֿט און מען פֿליט.

איז איינער אַ בּחור אַרויס גאַנץ קאַיאָר,
אַ טאָג איז אַ רגע, אַ טאָג איז אַ יאָר —
דעריאָגט אים דער פֿרײַטיק-צו-נאַכטס אויפֿן וועג,
געפֿינט ער אַ בערגל און זעצט זיך אַוועק.

גערוט האָט ער שבת ביז גוט-פֿולער וואָך,
ער הייבט אויף דעם קלומעק און טוט אָן דעם יאָך.
עס דרייען זיך וועלטן ווי רעדער אויף אַקסן,
נאָר ער ווי אַ בוים צו זײַן אָרט צוגעוואָקסן.

די זון איז פֿאַרגאַנגען. שטאָק-שפּעט אין דער נאַכט,
אַ פֿײַערל שלײַכט זיך ווײַט-ווײַט אויפֿן שליאַך,
און פּלוצעם אַ גילדענע קאָטש שטעלט זיך אָפּ
און זיבן פּאַרשוינען שפּרינגען אַראָפּ.

און איינער, דער עלטסטער, אַזוי גיט אַ זאָג:
— דאָ וועלן מיר, ברידערלעך, רוען ביז טאָג,
פֿאַרשלאָסן די קרעטשמע, דער טויער — פֿאַרוואָס? —
און רופֿט צו דעם בּחור — היי, דו, באַלעבאָס,
צעעפֿן דעם טויער און לאָז אונדז אַרײַן,
און ברענג פֿונעם קעלער אַן עמער מיט ווײַן!
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

פֿאַרבײַ נאָך אַ שבת און נאָך אַ פּאָר טעג —
עס שטייט נאָך אַ קרעטשמע פֿון יענער זײַט וועג,
אַ דריטע זיך שפּיגלט אין צווייטער אַנטקעגן,
און נאָך איינע שפּראָצט ווי אַ שוואָם נאָכן רעגן,

און צווישן די קרעטשמעס די וועגן זיך שיידן...
געווען איז אַ מנין — געוואָרן אַן עדה.

פֿיר קרעטשמעס מיט טויערן קוקן צום וועג,
עס דרייט זיך אַ ווינטמיל, סע זשומעט אַ זעג,
אַ שול מיט אַ שמשׂ, אַ באָד מיט אַ בעדער,
און קינדערלעך אײַלן קאַיאָר אינעם חדר.
מען איז זיך משדך פֿון ווײַט און פֿון נאָענט,
מען קושט זיך. מען בײַסט זיך. די וועלט מען באַוואָרנט —
ס'האָט יעדער זײַן פּעקל, צו זינגען צו זאָגן,
ס'לעבט איינער אין שפּע, אַ צווייטער — אין זאָרגן,
אַ דריטער באַגנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט,
אַ פֿערטער האָט טענות צו לײַט און צו גאָט.
די זין מען פֿאַרצוקערט, פֿאַר טעכטער מען שפּאָרט —
עס קומען סײַ גליק און סײַ אומגליק צו רײַטן,
עס בײַטן זיך צײַטן און דורות זיך בײַטן
און ס'וואַקסן די קינדער און ס'הייליקע אָרט — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

אין שעה ווען זיך אויספּיקן הייבט אָן דער טאָג,
די שטילקייט צעקלינגט זיך אין גרוב ווי אַ גלאָק.
אַ זילבערנער זקן שטייט אויף פֿון דער ערד
און טראָגט אין זײַן האַנט אַ פֿאַרבלוטיקטע שווערד.
ער זוכט אויס אַ בערגל און זעצט זיך אַוועק
און קוקט מיט פֿאַרלאָשענע אויגן צום וועג.

אין גיכן אַ גילדענע קאָטש שטעלט זיך אָפּ
און זיבן פֿאַרשוויִנגען שפּרינגען אַראָפּ.
— פֿאַרשלאָסן די קרעטשמע, דער טויער — פֿאַרוואָס? —
און שרייַען צום זקן — היי, דו, באַלעבאָס,
צעעפֿן דעם טויער און לאָז אונדז אַרייַן
און ברענג פֿונעם קעלער אַן עמער מיט ווייַן!

עס האָבן זיך אויגן נאָך שטאַרקער צעברענט —
אַמאָליקע געסט האָט דער זקן דערקענט.
וואַרפֿט ער אין הימל די פֿאַרבלוטיקטע שווערד —
צאַפּלט אין ווונדן דער נייַער באַגינען,
פֿאַרטראָגן די קאָטש די דערשראָקענע פֿערד
און זיבן פֿאַרשוויִנען אין אָפּגרונט אַנטרינען.

די פּעסטונג פֿון חכמה

פיר טויזנט יאָר אויף אותיות איך רייט...

באַלאַדע וועגן כעלעם דער שטאָט

כעלעם חלומט נישט אין שלאָף וועגן וויכטיקער אסיפֿה,
כעלעמס רב און זײַנע שאָף זענען ווײַסע ליכט, וואָס טריפֿן.
כעלעמס עירוב — שטעכלדראָט, דער בית-מרחץ — אין טרעבלינקע,
אויף דעם ווײַסן גליטש אין באָד מענטשן פֿאַלן, כעלמער הינקען.
איבערקערן כאָטש איין ברעט — האָט פֿאַרבלאָנדזשעט כעלמער
סטאָליער,
אין די גריבער — טויטע שטעט — זוכט אים הערשל
אָסטראָפּאָליער.
נאָר דער בעדער אײַלט און טרײַבט כעלעמער פֿון די באַראַקן,
ווײַל ס'איז איבעריק דאָס לײַב, ברעכט מען לענד און
האַלדז-און-נאַקן.
אין די הימלען שטום און קרום קומען כעלעמער נשמות,
בלאָנקען הינקענדיק אַרום כעלעמס גבאי מיטן שמש.
זוכן זיי און מען געפֿינט די אַנטלאָפֿענע לבנה,
זעען זיי אַ טײַכל רינט און פֿאַרשטייען די כּוונה:
בויען דאָ אַ וואַסערמיל אויף צו מאָלן כעלעמס ביינער,
באַקן פֿונעם ביינער-מעל חלות גרויסע, חלות קליינע.
שבת-חלות פֿאַר דער שטאָט, פֿאַר די קינדער און די פֿייגל
שטייען כעלמער אין אַ ראָד — אַרום לאָד מען מאַכט אַ בייגל.
אַזאַ שוואַרצער, טיפֿער לאָד, וואָס נישט-מעגלעך אים פֿאַרשיטן,
קריכן כעלמער נאָך און נאָך: — איי, חכמים, כעלמער ייִדן!
זענט איר שוין פֿון יענער זײַט, שטעקט אַרויס אַ צונג דעם
הענקער...
אָנגעפּעלצט דער שומר רײַט אויפֿן הינקענדיקן בענקל.
דער ציגײַנער איז אַוועק און נישטאָ מער וואָס צו היטן,
לאָזט דער וועכטער זיך אין וועג, אײַנגעהילט אין ווײַסן קיטל.
אויסגעפֿאַלן איז אַ שניי, טראָגן כעלעמער נשמות —
הינטן צוויי, פֿון פֿאָרנט צוויי — די תכריכים אָנעם שמש.

שוועבן די נשמות פֿיר אין דער שטומער ווײַסקייט טויבער,
בלײַבט די ווײַסקייט אומבאַרירט, אומבאַפֿלעקט דער ווײַסער
צויבער.
און די ווײַסקייט לאָקט און רופֿט כעלמער קינדער זאָלן שטיפֿן;
אונטער ווײַסקייט כעלעם רוט — טראַכט און טראַכט
מחשבות טיפֿע.

דער כעלעמער נאַר

— יאָסל לערנערן

אין כעלעם דער אורשטאָט פֿון סאַמע חכמים,
געווען איז אַ נאַר אָן אַ היים, אָן אַ נאָמען.
אַ קײַלעכיק יאָר אין דער זעלבער קאַפּאָטע
אין כעלעמער געסלעך געפּאַשעט זיך האָט ער,
געקלאַפּט מיט דער פּושקע: צדקה תציל ממות!
מיט אים פֿלעגן כעלעמער טרײַבן קאַטאָוועס:
אין בלעכענער פּושקע אַרײַנוואַרפֿן קנעפּלעך,
און רופֿן: — קומט מאָרגן אויף נעכטיקע קרעפּלעך!
און פֿרעגן, צי מאַכט מען אויף לאָקשן המוציא —
געווען איז דער נאַר פֿאַר די כעלעמער אַן אוצר.
דער נאַר פֿלעגט זיי אָנרופֿן כעלעמער לעמער.
— אַ נאַר בלײַבט אַ נאַר — פֿלעגן זיפֿצן די כעלמער.

געקומען די צײַט — דער נאַר איז געשטאָרבן,
דער שטאָט לאָזט ער איבער ירושה זײַן טאָרבע,
אין טאָרבע אַ זאַך נישט קיין גרינגע, אַ האַרטע,
און אָנגעזאָגט האָט ער פּונקט זיבן יאָר וואַרטן.
נישט עפֿענען פֿריִער האָט ער קהל באַשווירן,
און פּונקט זיבן יאָר זאָל די שטאָט נאָך אים טרויערן,
און ס'זאָלן די מיטה נגידים נאָר טראָגן,
און קדיש נאָך אים זאָל דער רב אַליין זאָגן.

געקאָכט האָט זיך כעלעם, די שטאָט האָט געפֿיבערט,
געלאָזט האָט דער נאַר, ווײַזט אויס, גאָלד אָדער זילבער,
די טאָרבע געטאַפּט און געשצאַט, און געוויגן,
געשמעקט און געעקבערט מיט קעלבערנע אויגן.
ס'האָט כעלעם די שטאָט אַלץ באַקלערט און באַטראַכט:
די טאָרבע פֿאַרהיטן — אַ קאַסטן געמאַכט,
אויף זיבעצן שלעסער דעם קאַסטן פֿאַרשלאָסן
און זיבן יאָר פֿולע צו וואַרטן באַשלאָסן.

אַ קיילעכיק יאָר אין דער זעלבער קאַפּאָטע
אין בעלעמער געסלעך געפּאַשעט זיך האָט ער...

דעם חשבון, חלילה, מען זאָל נישט פֿאַרלירן,
פֿאַרשריבן: תר״ל, צען טאָג אין אייר.
דער קאַסטן זאָל זײַן פֿון גנבים באַוואָרנט,
געשטעלט אים אין קלויז נעבן עמוד פֿון פֿאָרנט.

און זיבן יאָר גאַנצע — טאָג אײַן און טאָג אויס —
האָט כעלעם געקאָכט זיך אין גאַס און אין קלויז.
וואָס בויען צום ערשטן: אַ שול צי אַ באָד?
און ס'טוט זיך אויף טיש און אויף בענק אין דער שטאָט.
מען גלעט זיך די בערד, מען קרײַזלט די פּיאות,
ווײַל יעדער איז יורש און יעדער זאָגט דעות.

פֿאַרבײַ זענען יאָרן — געקומען די צײַט,
דעם אוצר פֿון קאַסטן האָט קהל באַפֿרײַט,
צעעפֿנט די טאָרבע, דערזעט גרויס און קליין:
נישט גאָלד און נישט זילבער — אַ פּשוטן שטיין.
אַ ווײַלע ווערט שטיל און דערנאָך אַ געפּילדער —
געוואָרן אַ שטיין פֿונעם גאָלד, פֿונעם זילבער.
שטייט כעלעם אַנטוישט אַרום שטיין אין אַ ראָד:
— אָט האָסטו דײַן שול!
— אָט איז זי, דײַן באָד!
— שאַ, אויר-המעשׂה איז יעדער אַ קנאַקער —
געזאָגט האָט ר' נתן דער כעלעמער חקרן. —
פֿאַר וואָס זיך פֿאַרוואַנדלט דאָס גאָלד אין אַ שטיין,
דעם שוטהס צוואָה געהאַט האָט אַ מיין.
ווײַל פּונקט זיבן יאָר — נישט שפּעטער, נישט פֿריִער —
ס'איז תרל״ז און צען טאָג אין אייר,
נאָר ווער האָט פֿאַרצייכנט די שעה, די מינוט?

און ווידער האָט כעלעם די שטאָט נישט גערוט.
מען האָט זיך געאַמפּערט, געגאַן אין געוועט:
גענעפֿנט צו פֿרי!
גענעפֿנט צו שפּעט!
— דער נאַר איז געשטאָרבן בײַ טאָג צי בײַ נאַכט?
— געוויס, פֿונעם טאָג, ווען צו קבורה געבראַכט,
באַדאַרפֿט האָט מען ציילן.
— עט, דברים בטלים...

דערבײַ איז אַ ליטוואַק אַ פֿרעמדער געשטאַנען,
געהערט, וואָס מען רעדט, און דעם תוך נישט פֿאַרשטאַנען —
און זאָגט גלאַט אַזוי:
— אַ נאַר וואַרפֿט אַ שטיין...
איז כעלעם אים שיער נישט דורס געווען.
עס קומט צו דער עולם, עס ברויזט און עס זידט:
— אַ נאַר איז אַ נאַר, נאָר אַן ערלעכער ייִד,
ער אָפּנאַרן האָט נישט געקאָנט, נישט געוואָלט,
געווען איז אין טאָרבע סײַ זילבער, סײַ גאָלד!...

מען האָט זיך געישובט פֿון מאָנטיק ביז מאָנטיק:
געווען איז פֿון זילבער צי גאָלד דער מאַיאָנטיק?
דערנאָך האָט גאַנץ כעלעם פּה-אחד באַשלאָסן
צו פֿרעגן בײַם כעלעמער חקרן ר׳ נתן.
געקלערט האָט ער לאַנג און געענטפֿערט אַזוי:
— דער נאַר איז געשטאָרבן, נאָר ער ווייסט גענוי,
צי זילבער, צי גאָלד, און דער שטיין וואָס זאָל הייסן.
— נו!?
— וועט ער דערקלערן נאָך תחית-המתים.

אַ פּאַרטיקער ייִד

אין כעלמער וותיקין־קלויז ערב אַ ברית
פּלעגט מען אַ מעשׂה שהיה דערציילן:
„אַ קינד ווערט געבוירן — אָן ציצית אַ ייִד,
אַ טערק אָן אַ פּעסע, אַ קריסט אָן אַ צלם.

ווײַל נאַקעט דאָס עופעלע קומט אויף דער וועלט,
מען וויקלט עס שפּעטער, מען טויפּט, צי מען ייִדישט.
אַ דײַטש ווערט געבוירן, פֿאַרשרײַבט מען אַ דײַטש,
בײַ ייִדן דאָס ייִנגעלע איז נאָך קיין ייִד נישט.

דאָס קינד איז אָן ערל אַ וואָך מיט אַ טאָג...
איצט מאָלט אײַך — ר' אַרעלעס שנור פּייגע־שׂרה
אַ פּאַרטיקן ייִדן געבראַכט אויף דער וועלט,
און דאָס, וואָס מען מאַכט ווע'ן מאַכן פֿאַרשפּאָרן.

עס הודעט די שטאָט... און דער רב האָט געזאָגט:
— זעט אויס, אַז דער בורא וויל כעלעם באַלוינען —
די שטאָט פֿון חכמים האָט כשר פֿאַרדינט,
דער פּאַרטיקער ייִד זאָל דאָ וואַקסן און וווינען.

האָט כעלעמער קהל דעם ענין באַטראַכט,
דרײַ טעג און דרײַ נעכט זיך דעם מוח געבראָכן:
— אַ פּאַרטיקער ייִד? און ווו איז דער ברית
מיט גאָט פֿון אברהם און די הייליקע ברכה?

— און טאָמער איז דאָ דער נישטגוטער פֿאַרמישט?
— און ווי איז דער דין?
— און וואָס ליגט דאָ דערינען?
— אַ פּאַרטיקער ייִד — האָט געפּסקנט דער רב —
אַ קאַפּעלע בלוט דאַרף מען לאָזן זאָל רינען.

ווײַל זאָגן מען דאַרף „בדמיך חיי",
און צווינטשן: וואַקסן דאָס קינד זאָל אין פֿריידן
אַ כּעלעמער חכם, אַן ערלעכער ייִד,
ווײַל טראָגן אַ נאָמען ער וועט נאָך אַ זיידן...

נאָר גלײַך אויפֿן ברית איז ישׂראל־מיכל מוהל
אַנידערגעפֿאַלן און נפֿטר געוואָרן —
פֿון אויבן, ווײַזט אויס, אַ בפֿירושער ווונק,
דאָס ייִנגעלע פֿײַניקן זאָל מען פֿאַרשפּאָרן.

פֿאַרשטערט איז די שׂמחה — דער בר־מינן ליגט,
צוקאָפּנס — צוויי ליכט, און עס שטייט אַ יללה.
און פּלוצעם דערזעט מען — אין שטוב קומט אַרײַן
דער פֿריילעכער קבצן ר׳ הערש אָסטראָפּאָליער.

איז באַלד אַרום הערשלען געוואָרן אַ ראָד,
נאָר הערשעלע ווייסט שוין די כּעלעמער נײַסן.
ר׳ הערשעלע רעדט נישט, ר׳ הערשעלע שווײַגט,
— וואָס זאָגט איר, ר׳ הערש, צו דער דאָזיקער מעשׂה?

ר׳ הערשעלע שמייכלט, ר׳ הערשעלע ווייסט,
ס׳איז בעסער אַ שטומעניש איידער צו פֿאָנפֿען.
— וואָס אײַלט איר זיך — זאָגט ער — אים לאָזן דאָס בלוט?
און מאַכט צום בעל־שׂמחה — ברענג לעקעך און בראָנפֿן!

איז תּיכּף געוואָרן אַ קעלטשיקל י״ש,
פֿאַרבײַסעכץ געבראַכט האָט די סאַרווערן לאהקע.
ר׳ הערש טוט צום ערשט דעם בראָנפֿן אַ שמעק,
און מאַכט אַ שהכּל און ברעקלט דעם לעקעך.

ער טונקט אַ פּזית אין קעלטשיקל איַין
און ווינטשט צו דעם עולם געזונט און פּרנסה,
און נחת דערלעבן צו זען אינעם קינד...
ער נעמט אין די אָרעמס דעם כעלעמער „חתן".

— געבוירן געוואָרן אַ פּאַרטיקער ייִד —
ער זאָגט צו די כעלעמער — רזי דרזין!
טאָ לאָזט אים צורו. ס'וועט קומען די צייַט,
דעם בּחור בּמילא דאָס בלוט וועט מען לאָזן.

דער פאַרלוירענער קאָפּ

שמיל-איציק, די כעלמער צעטראָגענע בריה,
טראַכט נישט וואָס שפּעטער און ווייסט נישט וואָס פֿריִער.
און פֿרעגט אים בחרם וואָס האָט ער געגעסן —
זײַן באָרד קאָן דערציילן, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן.
ער זאָגט און פֿאַרגעסט באַלד, פֿאַר געסט וואָס ער זאָגט
אַ וואָרט צי געדענקט ער — אַ נעכטיקער טאָג.

זײַן ווײַב שׂרה-גיטעלע מאַכט אים אַ חנדל:
— שמיל-איציק, ניי צו צו דײַן היטל אַ פֿענדל
און טראָג עס כּסדר, און נעם נישט אַראָפּ,
ווײַל טאָמער, חלילה, פֿאַרלירסטו דעם קאָפּ,
געפֿינען מען וועט אים און קומען מיר זאָגן,
ווײַל דו ביסט, שמיל-איציק, אַ ביסל צעטראָגן.

געווען איז די שעה, צי געווען איז די רגע,
ווען שדים שפּאַצירן אויף וועגן און שטעגן —
אַרײַן איז דער זאָג פֿון איר מויל אין שדס אויערן,
דער ייִד האָט דעם קאָפּ מיטן היטל פֿאַרלוירן.
באַזונדער שמיל-איציק, באַזונדער דער קאָפּ.
דערפֿילט עס דער כעלמער און שטעלט זיך אָפּ.

— איר האָט נישט באַגעגנט אַ קאָפּ מיט צוויי אויערן? —
געפֿרעגט האָט שמיל-איציק בײַ צוויי לאַנגע פּויערים
וואָס האָבן געטריבן אַ וואָגן מיט ביינער.
די פּויערים הירזשען, דער כעלמער וויל וויינען.
געווען איז גערעכט ווי דער טאָג שׂרה-גיטל,
דאָס פֿענדל באַדאַרפֿט האָט ער צונייען צום היטל.

דער ייִד גייט באַזונדער, דער קאָפּ גייט באַזונדער.
די פּויערים באַטראַכטן דאָס כּעלעמער בייזוווּנדער —
איצט פֿירן די פּויערים אַ וואָגן מיט אַש
און מיצן זיי טראָגן עלעהיי המן-טאַשן.
ער פֿרעגט זיי: — איר האָט נישט באַגעגנט מײַן קאָפּ?
דערשרעקט ער די פֿערד און זיי טראָגן גאַלאָפּ.

פֿאַרבלײַבט ער אין זאַמדיקן מדבר אַליין
און טראַכטן ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין:
„ס'איז בעסער אַ קאָפּ צו פֿאַרלירן אין שלאַכטן —
נישט גוט אָן אַ קאָפּ, וואָס דאַרף ווי טאָן און טראַכטן.
ווער שמועסט נאָך אַ ייִד, און אַ כּעלעמער חכם,
וואָס איז אינעם זאַמדיקן מדבר פֿאַרקראָכן?"

ער שאַרט מיטן פֿוס אינעם בלײַענעם זאַמד...
און פּלוצעם דערהערט ער: — דו האָסט זיך פֿאַרזאַמט.
געוווּסט כ'האָב פֿון פֿריִער — דעם קאָפּ וועסט פֿאַרלירן
מיט היטל און באָרד, מיט נאָז און געהירן.
דײַן פֿעטער פֿון וואַרשע געקומען צו פֿאָרן,
געבראַכט פֿאַר דײַן קאָפּ זיבן זעק מיט זכרון...

— ווּ איז ער?
— דײַן קאָפּ? נאָך בײַ דיר אויף די פּלייצעס.
— דער פֿעטער ווּ איז, ר' אברהם מומע לאהצעס?
— אָט זעסטו, שוין ווידער דײַן קאָפּ אויפֿן אָרט:
די אויגן, די אויערן, דאָס היטל, די באָרד...
— ווּ איז ער? דער פֿעטער?! איך פֿרעג, שׂרה-גיטל!

— שמיל-איציק, דאָס פּענדעלע ניי צו צום היטל.
דערווײַל כאַפּט דער פּעטער ישׂראל אַ דרימל,
ווײַל אורלויב באַקומען ער האָט פֿונעם הימל
און מאָרגן, בלי-נדר, ער מוז זײַן צוריק...
זײַ מוחל, דאָס וועש נעם אַראָפּ פֿונעם שטריק
צייל איבער די שטיקלעך:

צוויי העמדער,
דרײַ ציכן,
פֿיר לעכער,
פֿינף לאַטעס,
דעם פּעטערס תכריכים —

אינאיינעם מיט דיר איז אַ קימא-לן זעכצן.
אויב שווער וועט דיר זײַן, וועט דער ווינט העלפֿן קרעכצן,
און צולייגן וועלן די שדים אַ פֿינגער,
און שׂריפֿות אַרויסשטעקן וועלן די צינגער.
— ס'איז שווער? — וועט מען פֿרעגן,
דו ענטפֿער גלײַך: ניין!
פֿאַרליר נישט דעם קאָפּ און העלף זיך אַליין.

אויף לוחות פֿאַרשריבן

געהאַט אַ שיין פּנים מען וואָלט אָן חלומות —
געזאָגט האָט אַ כעלעמער פּלוני בן פּלונית.
אַ חלום אַ בייזער איז בעסער ווי גאָרנישט,
ווײַל וואָס? — אָן חלומות מען זיצט נישט, מען פֿאָרט נישט.

ווי אויסגעזען כעלעם וואָלט אָן משולחים? —
ווי אָן לייטערס צום הימל — יעקבס מלאכים.
די וועלט וואָלט געגענעצט. מען קאָן זאָגן נאָך מער —
ס׳וואָלט בטל געוואָרן די כעלעמער חכמה.

די כעלעמער חכמה פֿון צדק און יושר,
וואָס ציט איר יניקה פֿון קנעכטשאַפֿט אין גושן,
איר פּרוּװשטיין — דער אייביקער שוכן במרומים,
באַשאַפֿער פֿון וועלטן מיט שטערן און טרוימען.

און איז דען אַ וווּנדער, וואָס דווקא אויף כעלעם
דער גורל געפֿאַלן? דעם בורא געפֿעלן
געבוירן די שטאָט זאָל דעם מאַן משה-איכל,
וואָס צוגעזאָגט: „וועלט, איכ׳ל ברענגען משיחן!"

געזאָגט האָט דער נביא אין קאַפּעליוש האַרטן:
„ס׳איז ווײַל דער שיעור אויף משיחן צו וואַרטן?
און כעלעם די שטאָט זאָל אין טרערן זיך טרענקען?
דער אויסלייזער זאַמט זיך — באַדאַרף מען אים ברענגען.

באַשרענקען דעם רוים און דערנענטערן די צײַטן —
און קומען איך וועל מיט משיחן צו רײַטן.
אויף בערג זאָלט איר וואַכן. דערהערן מײַן טראָט —
באַגעגענען אַרויסגיין וועט כעלעם די שטאָט.

געהאַט אַ שיין פּנים מען וואָלט אָן חלומות —
געזאָגט האָט אַ בעלעמער פּלוני בן פּלונית...

נישט זיצן זאָל כעלעם מיט הענט מיט פֿאַרלייגטע;
באַוועגונג איז לעבן. שטייט אויף און באַוועגט אײַך!
ברוקירט אויס די גאַסן מיט רויטן גראַניט.
דער שטיין — אונדזער וואָפֿן! דער ווינט — אונדזער ליד!"

אַוועק אין דער וועלט איז דער כעלעמער טרוימער,
געגרייט זיך צו מאַכן דעם גרויסן ל"ג-בעומר
און ברענגען משיחן מיט גוטן, מיט שלעכטן —
אַ לייטער פֿון שטריק נעמט ער בינדן און פֿלעכטן.

פֿאַרוואָרפֿן דעם לייטער ער האָט צו די שטערן,
צו בערעכע גרויסער, צו קלענערע בערן,
פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל אַ לעבן געקלעטערט
און האָט בשעת-מעשׂה אַ ביכל געבלעטערט...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

אין כעלעם ביז הײַנט איז אַן אָנדענק געבליבן —
מיט גילדענע אותיות אויף לוחות פֿאַרשריבן:
„אָט דאָ האָט געלעבט און געטרוימט משה-איכל,
וואָס האָט נישט באַוויזן צו ברענגען משיחן".

כעלעמער כאַפּן דעם ווינט

ס'איז די וועלט אַ קראָם מיט פֿאַרבן:
ווײַסע שנייען, נעכט ווי טינט,
גרינע ווערבעס, בלויע טײַכן...
איינער — פֿאַרבלאָז איז דער ווינט.

לויפֿט ער אָן און מאַכט אָן שאָדן
און אַנטלויפֿט זיך אומבאַמערקט
ווי אַ גנב — ווי אַ גזלן
ער באַהאַלט זיך אין די בערג.

דאַרף מען אים, דעם ווינט, באַפֿאַרבן
גרין און רויט צי געל און בלוי,
פשוט כאַפּן און באַפֿאַרבן,
נאָר מיט וואָס און ווי אַזוי?

האָבן כעלעמער חכמים
אַלץ באַטראַכט און גוט באַקלערט
און צעשיקט פֿיר יונגע שליחים
צו פֿיר עקן פֿון דער ערד

אײַנצוקויפֿן שטריק און נעצן,
פֿײַנע פֿאַרבן, ווייכע בערשט,
און דערוויסן זיך בײַ לײַטן
ווי די ווינטן מען באַהערשט...

אײַנגעהאַנדלט די שליחים
אַלע נעצן פֿון דער וועלט,
פֿײַנסטע בערשט און בעסטע פֿאַרבן
ווי מיט חכמה, ווי פֿאַר געלט

און צוריק אַהיים געקומען
אָפּצוטאָן דעם ווינט די זאַך —
כאַפּן, בינדן און באַפֿאַרבן
פּונקט ווי כעלעם האָט פֿאַרטראַכט.

און צעהאָנגען האָט מען נעצן
פֿונעם הימל ביז דער ערד.
טוט זיי אָפּ דער ווינט אַ שפּיצל
און פֿאַרפּלאָנטערט זייערע בערד.

שטייען כעלעמער אויף לייטערס —
נישט אַרויף און נישט אַראָפּ...
די לבנה הענגט אין הימל
ווי אַ קאַלטער לאָקשנטאָפּ.

יאָרן גייען, יאָרן קומען —
ס׳רויטלט זיך די וועלט און גרינט,
נאָר די כעלעמער חכמים
כאַפּן אַלץ אין נעץ דעם ווינט.

וואָגלען שליחים אין דער פרעמד...

אריכות ימים

כעלעם מיט נסיעות שמט,
ווײַל די חכמה לאָזט נישט רוען.
וואָגלען שליחים אין דער פרעמד —
זען די וועלט מיט אירע ברואים.

מיט דער אַקס און מיט דער באַן
פֿאָרט מען צו די חכמה-קוואַלן,
און צופֿוס אויך טאָן אַ שפּאַן
איז אַ כעלעמער אַ בעלן.

ווײַל די חכמה טרייסט און היילט —
קומט מען נאָר אַהיים צו פֿאָרן,
סאַמע נסים מען דערציילט,
זיבן שטאָק און אַכצן גאָרן...

— אייסעך — רופֿט זיך אָן אַ ייִד —
כ'האָב געזען דעם גרעסטן וווּנדער:
ס'איז פֿאַראַן אַ בוים וואָס בליט
איין מאָל נאָר אין אַ יאָרהונדערט.

און דעם נס האָב איך געזען,
אויפֿן אָרט געמאַכט אַ ברכה —
הונדערט יאָר מיר פֿון דעם חן
איז צוגעקומען — זאָגט דער חכם.

— הונדערט יאָר?
— און דו ביסט אַלט...
— סוכּות ווער איך אַכט און דרײַסיק.
אויסגערעכנט האָט מען באַלד:

— הייסט עס, אַלט ביסטו, ר׳ אײַזיק,
הונדערט...
דרײַסיק יאָר...
מיט אַכט...
און ביז סוכּות זיבן וואָכן.
האָט דער עולם זיך פֿאַרטראַכט:

אויף דער וועלט
דער עלטסטער חכם —
הונדערט אַכט און דרײַסיק יאָר!
מאַלע וואָס נאַראָנים פֿאָרן?
אַז אַ כעלמער חכם פֿאָרט
ברענגט ער פֿרייד
און לאַנגע יאָרן.

ווּ קומט אַהין די צייט?

אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט —
רב שיע-שלום גייט אַרום און טראַכט:
„ערשט אָפּגעריכט אין כעלם מען האָט חצות —
אַ פרישע זון איר מזרח-שטאָט פאַרלאָזט.
און ווידער קרייט רב שאול שוחטס האָן,
און דאַוועגען הייבט מען אָן באַנייס אַ קאָן.
און איידער נאָך מען קוקט זיך גוט אַרום,
דער ערשטער שטערן רופט צו מעריב פרום,
מען שטייט אָפּ אַ שמונה-עשׂרה אינעם קלויז,
די ליכט פאַרלעשט מען און דער טאָג איז אויס.
צי מיט די תפילות איז אַוועק דער טאָג
ווי לאָקשן אויפן לאָקשנברעט צעבראָקט?

דער ווייַזער דרייט זיך אויפן ציפערבלאַט —
ס'אַנטלויפט די צייַט. ווו קומט אַהין די צייַט?
ווהין פאַרשווונדן איז דער אויגנבליק,
וואָס איז אַ יאָר אין לעבן פון אַ פליג?
אַ מענטש — אַ פליג, ווי ענלעך און ווי ווייַט!
איז אפשר דאָס דער אמתער באַטייַט?

מען בלאָנדזשעט אין דער פינצטער טאָג ווי נאַכט —
צי ליגט מען נישט ביז הייַנט אין מאַמעס טראַכט?
און אויסגעטראַכט מען האָט דעם הימל-בלוי,
און נישט געבוירן קיין מאָל האָט קיין פרוי?...

ערשט-אָ די מאַמע האָט איר קינד פאַרוויגט —
עס טריקנט זיך זייַן טלית אויפן שטריק.
די יאָרן אין תכריכים אייַנגעהילט
מיט ליכט צוקאָפּנס ליגן אויפן דיל.

ס'איז אויסגעטראַכט דער ווייטיק, דאָס געוויין,
די ווערעם וואָס צעפּרעסן דאָס געביין —
אין שוואַרצן גרוב פֿאַרשווונדן איז די צײַט.
איז אפֿשר דאָס דער אמתער באַטײַט?

ווי שיילט זיך אויס פֿון אייעלע אַ מילב?
אַ חדר־ייִנגל כאַפּט דעם ערשטן זילב?
אָט זיצט אַ שנעקל, פֿון זײַן נעזל רינט —
עס וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג אַ ייִדיש קינד.

און וויפֿל קלערט איר איז דער בחור אַלט?
צוויי טויזנט יאָר ער ווערט די רגע, באַלד.
אַ טאָג — אַ יאָר, כאָטש וואַרפֿט זיי אויף דער וואָג,
ווײַל טויזנט יאָר בײַם בורא ווי איין טאָג.

און סאַראַ ווערט אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק
אַ טאָג, אַ יאָר, אַ דור וואָס איז פֿאַרפֿאָלגט,
וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ...
מה רעש? אומגעקומען איז אַ שטאָט?

נאָר הער זיך צו — עס שמועסן צווישן זיך
דאָס פֿײַער מיטן וואַסער אין דער קיך —
אַ קימפּעטאָרין צווישן חורבות שרײַט —
איז אפֿשר דאָס דער אמתער באַטײַט?

געבורט און טויט. און וואָס איז אינדערמיט?
מען פּטרט אָפּ די טעג אויפֿן יאַריד,
מע לויפֿט, מע פֿליט, מען שלעפּט דאָס שטיקל ברויט
און קיין מאָל קריכט מען נישט אַרויס פֿון נויט...

דער זייגער צאָקעט ווי אַ פֿערד-גאַלאָפּ,
דער ווײַזער קריכט אַרויף, לויפֿט באַרג אַראָפּ —
ספּאַלאָשען זיך די פֿערד — די צײַט, זי פֿליט...
און וויפֿל אַלט אַ שטייגער איז אַ ייִד?

פֿיר טויזנט יאָר איך ווער אום תשעה-באָב,
איך בין אַפֿילו עלטער פֿונעם רב...
וווּהין אַהינגעקומען איז מײַן צײַט?
פֿיר טויזנט יאָר אויף אותיות איך רײַט,
אויף שורות ווי אין מדבר קאַראַוואַנען.
די קעמלען טרײַבט דער כּעלעמער עבד כּנעני —
פֿיר טויזנט יאָר און ס'איז דער וועג נאָך ווײַט...

מײַן פֿריידע איז שוין ווידער אויף דער צײַט.

דאָס טרייפֿע קעלבל

דער כעלעמער בעל-חלומות, ר׳ שיע-שלום פֿאַרבער,
פֿון שלאָף איז אויפֿגעשפּרונגען, די נעגל אָפּגעגאָסן,
גענומען דעם לאַמטערן, דעם שליסל — אויפֿן אַקסל,
גנבים זאָלן מיינען, ער האָט די טיר פֿאַרשלאָסן.

דער קנויט איז אויסגעגאַנגען, דאָס גלעזל איז צעבראָכן —
פֿון בלעכענעם לאַמטערן געבליבן נאָר דער נאָמען,
נאָר שיע-שלום פֿאַרבער געדענקט נאָך פֿון זײַן טאַטן:
„ער לײַכט נישט, דער לאַמטערן, נאָר פֿינצטערער איז אָן אים".

ר׳ שיע-שלום אײַלט זיך אין קלויז צום ערשטן מנין,
און קנעט די שוואַרצע בלאָטע, און טראַכט זיך: „היום קצר",
און וועגן חלום טראַכט ער און קאָן זיך נישט דערמאָנען —
דערזעט דער בעל-חלומות דעם קצב לייבל גלאָצער.

— גוט מאָרגן אײַך, ר׳ לייבל!
— גוט מאָרגן, שיע-שלום!
— איך האָב די נאַכט, ר׳ לייבל, געזען אײַך אין חלום.
— ?
— איר האָט געשאָכטן ס׳קעלבל...
— געשאָכטן? איך? וואָס זאָגסטו?
— געשאָכטן און צעטרייבערט — דערקלערט ר׳ שיע-שלום.

אַנטלאָפֿן איז דער קצב, דער פֿאַרבער נאָכגעלאָפֿן,
דעריאָגט אים — און אין צווייען גענומען ווײַטער שפּאַנען,
פֿאַרקערעוועט צום קלויסטער, פֿאַרשוווּנדן אין אַ ליקל...
דעם שמועס געהערט האָט עמעץ, געזען און נישט פֿאַרשטאַנען.

— איר האָט געהערט, לייב גלאָצער געקוילעט האָט דאָס קעלבל!
דער קלאַנג האָט זיך צעגאָסן אין כעלעם ווי אַ מבול.
— אָ, דער טרייפֿעניאַק, זײַט וויסן, וועט אומברענגען גאַנץ כעלעם!
— אוי, ייִדן, אָנגעוווירן מיר האָבן עולם-הבא!

אין מאַרק נעבן די יאַטקעס — געשאָסן מיט די פֿינגער,
געשטאָכן מיט די שירעמס — געטומלט האָט אַן עולם:
— אַרײַנוואַרפֿן אין חרם!
— אַרויסטרײַבן פֿון כעלעם!
— אַן אײַנפֿאַל פֿון אַ קצב — בײַ נאַכט די בהמה קוילען!

דער קצב בעט זיך רחמים: — זאָל זאָגן שיע־שלום...
נאָר כעלעם וויל נישט הערן, דער עולם וויל נישט וויסן.
— אים אָסרן אויף אייביק!
— צעברעכן אים די ביינער!
— פֿאַרוואַרפֿן אים מיט שטיינער!
— פֿאַרברענען!
— הענגען!
— שיסן!

גערופֿן האָט מען תיכף אַ דרינגענדע אסיפֿה.
פֿאַרמאַכט האָט מען אין כעלעם די קראָמען און געוועלבער.
געקומען איז דער פֿאַרבער,
געבראַכט האָט מען דעם קצב,
און אויף אַ שטריק צום בית־דין מען פֿירט דאָס טרייפֿע קעלבל.

באַטראַכט האָבן די בהמה פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן
דער שוחט, דער מנקר, דער נאמן און אַ דיין,
געטאַפּט איעדן אָבר, דערנאָך די הענט געוואַשן,
און וואָס מען האָט געפּסקנט, געדענקט מען נאָך עד־היום:

א) אַ בהמה צוויי מאָל שעכטן — איז צער־בעלי־חיים;
ב) דער קצב האָט געקוילעט דאָס קעלבל — איז פֿאַרפֿאַלן;
ג) ר׳ שיע־שלום פֿאַרבער געראַטעוועט האָט כעלעם.
— און וואָס טאָן מיטן קעלבל? — די שאלה בלײַבט אַ שאלה.

ער לייכט נישט, דער לאַמטערן,
נאָר פינצטערער איז אָן אים...

דריַי טעג איז מען געשווומען אין ים-מחשבות טיפֿן,
געפֿרעגט האָט מען מיט בליקן ווי די חלפֿים שאַרפֿע:
— וואָס וויל מען פֿון דעם כעלעם?
— וואָס טוט דאָ די נבלה?
— צעהאַקן און צעבראָקן און פֿאַר די הינט עס וואַרפֿן!

און כעלעם האָט מיט פּחד געלויבט זייַן ליבן נאָמען,
וואָס האָט געטאָן אַנטפּלעקן אין שלאָף דאָס טרייפֿע קעלבל:
— קוקט אָן, ווי ס'מעלה-גירהט!
— גאָט די נשמה שולדיק!
— אַז פּגרן שוין זאָלסטו!
און קהל ענטפֿערט:
— אָמן!

די קאַלטע שול

די הילצערנע שול האָט אין כעלעם געברענט —
אַפּריִער דער דאַך, דערנאָך שוין די ווענט.
פֿון וואַנען געקומען עס האָט זיך דאָס פֿײַער?
מסתמא פֿון הרובע — מען איז זיך משער —
ווײַל נישט פֿונעם האַנטפֿאַס אַרויס איז די שׂרפֿה.
און אַש פֿון דער שול איז פֿאַרבליבן — אַ הייפֿל.

די שול וועט מען אויפֿשטעלן — ביליק צי טײַער —
ס׳וועט כעלעם די שטאָט זיך אַוודאי באַשטײַערן,
אַרויסשיקן שלוחים צו ברידער געטרײַע.
אַ שטיינערנע שול וועט מען בויען אַ נײַע...

פֿון זאָגן ביז אויסטראָגן — איז אַ מהלך,
דער פּריץ פֿאַרקויפֿט נישט קיין ציגל, קיין קאַלך:
„פֿון שטיינערנער שול איז נישטאָ וואָס צו ריידן!"

דעם שטערן געקנייטשט האָט די כעלעמער עדה:
„דער מענטש ווערט געפּרוווט מיט פֿײַער און וואַסער.
מיט פֿײַער און וואַסער טאָר מען נישט שפּאַסן,
ווײַל וואַסער — דער מבול,
דאָס פֿײַער — אַ גיהנום..."

אַ הילצערנע שול האָט אַ טבע צו ברענען —
האָט אפֿשר אַ טעם, איז טאָמער אַ שׂכל
פֿון וואַסער צו בויען אין כעלעם גאָטס היכל?
ווײַל, ראשית, קיין מבול וועט גאָט מער נישט שיקן,
און, שנית, דאָס וואַסער ווערט קיין מאָל נישט טרוקן,
און זײַן וועט די שול פֿונעם פֿײַער באַוואָרנט,
און וואַסער אין שול אַרײַן פֿירן פֿאַרשפּאָרן.

אײַ, קיין מאָל געבויט פֿון וואַסער האָט קיינער!
װעט אויספּרוּוון כעלעם דעם נײַעם מין שטיינער.
ווײַל אויב פֿון חלמיש אַ וואַסערפֿאַל ווערט,
טאָ קאָן זיך אויך טרעפֿן געשען זאָל פֿאַרקערט".

האָט כעלעם צוויי שלוחים געשיקט אין דער וועלט,
באַפֿוילן אַ וואַסערשטיין קויפֿן פֿאַר געלט
און אויסלערנען זיך אין דער פֿרעמד די מלאכה,
אויף פּסח צוריק זײַן מיט מזל און ברכה...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

געקומען די שלוחים פֿון ווײַטער מדינה,
דער וואַסערשטיין האָט אויפֿן וועג זיך צערונען.
זעט קהל, מע קאָן פֿון דער וועלט ווערן דול!
זאָל זײַן, ווי געוועזן, אַ הילצערנע שול.
נאָר פֿײַער האָט איבערן האָלץ פֿאָרט אַ שליטה —
זאָל קהל די שול פֿון אַ שׂרפֿה פֿאַרהיטן:

— באַנעצן דעם בנין פֿון כיסלו ביז ניסן!
— דעם קוימען פֿון אויבן מיט וואַסער פֿאַרגיסן!
— מיט נאַסע הושענות די הרובע פֿאַרשיטן!
— אַ פֿײַערטאָפּ שטעלן אַ גרויסן אינמיטן!
— אַ קרענעצע גראָבן אין שול, אינדערמיט!...
ס'האָט כעלעם דעם גבאי מיט עצות פֿאַרשיט.

געפֿאַלן דער גבאי איז דאָך אויף אַן עצה:
אין ווינטער־חדשים דעם שולהויף באַהייצן.
אַזוי האָט געדרשנט דער גבאי: — רבותי,
אַ הרובע איז גלײַכער צו שטעלן אינדרויסן.

די שעה זאָל נישט זײַן, אויב דער שולהויף וועט ברענען,
גענוג איז אַ טרער פֿון דער צאינה־וראינה.

דער בּורא טוט שיקן סײַ פּרעסט און סײַ היצן,
און טראָגן געהייסן סײַ שטרײַמלעך, סײַ מיצן.
די שול האָט אַ דאַך, ווי, להבדיל, אַ היטל,
אום ווינטער פֿון קרירה דעם קאָפּ צו פֿאַרהיטן.
און פּונקט ווי אַ היטל מוז האָבן אַ דאַשעק,
וועט האָבן די הילצערנע שול אַ פּידדאַשעק.

פֿאַרשטייט זיך, רבּותי, נישט דאָס בין איך אויסן —
די הרובע וועט שטיין אינעם שולהויף, אינדרויסן.
איז, ציטערן וועט מען ווי קנעכט פֿאַר אַ האַר?
וועט ער, ברוך־הוא, אונדז באַלוינען דערפֿאַר —
ווײַל כּעלעמער וועלן די הימלען צעשפּאַלטן
מיט הייסע געבעטן אין שול אין דער קאַלטער.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

געווען קאַלטע שולן אויך אין אַנדערע שטעט,
ווו כּעלעמער האָבן זייער חכמה פֿאַרשפּרייט.

אין אַן ערב פּסח

חיים־שלום היטלמאַכער האָט דערהויבן כעלעמס פּאָן —
צווישן אַלע באַלמעלאָכעס ער פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן.
פֿאַר דער הייליקער מלאכה אים דערוואַרט דער גרעסטער לוין,
ווײַל אַ כעלמער אָן אַ היטל איז אַ מלך אָן אַ קרוין.

ביז צום כּסא־מלכות פֿירן דרײַ הונדערט מיט זעכציק טרעפּ,
און אַ יעדן ערב פּסח ברענגען כעלעמער די קעפּ,
און דער היטלמאַכער קרוינט זיי, און באַזעצט זיי אויפֿן טראָן,
און לכּבוד די מלכים פֿלאַטערט אויף זײַן דאַך אַ פֿאָן,
אויסגענייט ווי אַ פּרוכת, אין דער לענג און אין דער ברייט,
און געקרוינט מיט כּתר־תּורה: כעלעם — קרוינשטאָט צווישן שטעט.

חיים־שלום האָט זײַן שיטה. ווען ער נעמט אַראָפּ אַ מאָס,
טוט ער נאָר אַ טאַפּ דעם שאַרבן, איז פֿאַראַן שוין דער פּראָגנאָז:
דער — אַ חכם שבחכמים, דער — אַ דרייקאָפּ, דער — אַ תּם,
דער — אַ גולם, דער — אַ גאון, דער — אַ זיצער אין אַ קראָם,
דער — אַ תּכשיט, אַן אַנטיקל, דער — „אַ וואָס נאָר אין דער קאָרט“,
און דעם פּסק פֿלעגט ער פֿאַרשרײַבן מיט אַ סימן, מיט אַ וואָרט.
און כּדי צו וויסן שפּעטער, צי געווען איז ער גערעכט,
די סימנים אין די היטלען אײַנגענייט מיט סודות־שטעך...

פֿייגע־רחל חיים־שלומס אין אַ דאָנערשטיק אין באָד
האָט צערעדט זיך מיט אַ ווײַבל, אויסגעפּלוידערט איר דעם סוד:
— מירצעשעם, וועט זײַן אַ ייִנגל, וועט ער שוין אין חדר גיין,
וועט מײַן חיים־שלום זאָגן, זײַן וועט ער אַ לײַט צי ניין.
קענען וועט דער בחור לערנען צי דאָס קעפּעלע פֿאַרשטאָפּט,
און אַ סימן וועסטו האָבן אינעם היטל אויף זײַן קאָפּ...

האָט דער ווינט דעם סוד צעטראָגן און צעזייט אים און צעווייט:
„חיים-שלום האָט סימנים אין די היטלען איינגענייט".
און געשמועסט האָט מען אין כעלעם — ס'איז די חכמה אין געפּאַר,
ווייל פֿאַראַן אין די סימנים אויך אַ צייכן פֿון אַ נאַר.

האָבן מאַמעס, כעלמער ווייבער, אין אַן ערב-פסח-נאַכט
אַלע מיצעלעך און היטלען אין דער שטאָט צורעכט געמאַכט.
די קאַשקעטעלעך צעשניטן און די יאַרמלקעס צעטרענט,
און געפֿונען די סימנים, און צעריסן און פֿאַרברענט.

אינדערפֿרי — חכמים זענען פֿון די בעטן נאָר אַראָפּ,
נישט געפֿונען זייערע היטלען, צוגעדעקט מיט הענט דעם קאָפּ.
אויסגעשטאָרבן כעלעמס גאַסן, ס'לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט —
אָן אַ היטל, אָן אַ שטריימל איז די וועלט דאָך נישט קיין וועלט.
חושך טוט זיך אין די הייזער, תשעה-באָב אין יעדער שטוב —
איידער לעבן אָן אַ היטל, בעסער ליגן אינעם גרוב.

זענען כעלעמער געזעסן, די ידיים אויפֿן קאָפּ,
ביז מען האָט פֿאַרטראַכט זיך אָנטאָן: ווער — אַ פֿענדל, ווער — אַ טאָפּ,
ווער אַ דורכשלאַק, און אַ זיפּל, ווער — אַ שעפּל צי אַ פֿאַס...
כעלמער קושן די מזוזה און מען לויפֿט אַרויס אין גאַס:
— ייִדן, וואָס וועט זיין מיט כעלעם?
— ווער איז שולדיק אין דער זאַך?
— חיים-שלום היטלמאַכער כעלעם האָט צו שפּאָט געמאַכט!
— מיטן גלח אַ יד-אחת!
— כ'האָב אַליין געזען, איך שווער!
— ברענגט אַהער דעם דבר-אחר!
— שלעפּט דעם קאַפּדרייער אַהער!

— רײַסט אים אויס באָרד און פּאות!
— ס'קומט אים ממיתן און שוין!
— און די פּאָן זײַנע פֿאַרברענען!
— מיט די לײַבן, מיט דער קרוין!

לויפֿט מען גלײַך צום היטלמאַכער, זעט מען חיים-שלום שטעפּט,
און ער באַקט שוין נײַע היטלען פֿאַר די קלוגע כעלעמער קעפּ.
— ייִדן, זעט, אַ באַרג מיט היטלען!
— אוי, אַ ברכה אויף זײַן קאָפּ!
— די ישועה איז געקומען!
— נעמט שוין דאָס געפֿעס אַראָפּ!
ווײַבער שרײַען:
— מענדל — ס'פֿענדל!
— פֿײַביש, גיב אַהער די טאַץ!
— ניסל, וואַרף אַהער די שיסל!
— משה-בער, פֿאַרנעם אַ פּלאַץ!...

כעלעם שטעלט זיך אויס אין רייען אונטער חיים-שלומס פּאָן,
און דער גרויסער היטלמאַכער האָט זיי היטלען אָנגעטאָן.

אָן אַ היטל, אָן אַ שטריימל
איז די וועלט דאָך נישט קיין וועלט...

כעלעמער שליחים

צוויי כעלעמער שליחים געלאָזט זיך אין וועג —
קיין רײַסן דער ערשטער, דער צווייטער קיין ליטע.
די ייִחוס-בריוו האָבן די ייִדן פֿאַרנייט
איעדער באַזונדער אין אייגענעם היטל.

געשען איז עס ווינטער, צי זומער געווען —
די מעשׂה איז אַלט און גענוי ווער קאָן זאָגן.
אינאיינעם געפֿאָרן די צוויי אַ שטיק וועג
אין שליטן — אויב ווינטער, אויב זומער — אין וואָגן.

געדרימלט האָט בער בעל-עגלה צי נײַן,
נאָר איבערגעקערט מיט פֿאַרשווינען דעם שליטן —
דעם וואָגן, אויב זומער די זאַך איז געשען,
און ס'האָבן די שליחים פֿאַרביטן די היטלען.

וואָס ווײַטער געווען איז, דערציילן כ'פֿאַרשפּאָר,
נאָר אײַך וועל איך אפֿשר די מעשׂה פֿאַרטרויען:
די כעלעמער שליחים — סײַ יענער, סײַ דער —
געליטן, דערציילט מען, אַ בזוי-בזיון.

ווײַל איינער געבראַכט האָט דעם רײַסענערס בריוו,
געלייענט און געשטווינט האָט דער ווילנער שליט״א.
דער צווייטער שליח זײַן בריוו האָט דערלאַנגט
דעם רײַסענער רב — מיטן אַדרעס קיין ליטע...

די ייִחוס-בריוו ווידער אין היטלען פֿאַרנייט
און איינער אַנטקעגן דעם צווייטן זיי רײַזן.
געביטן די היטלען און ווײַטער אַוועק —
דער ערשטער קיין ליטע, דער צווייטער קיין רײַסן.

דאָרט, ווו דריי בעלעמער שטעלן אַ פּוס.

און ווידער די מעשׂה דערציילן כ'פֿאַרשפּאָר —
די כעלעמער האָבן אַ בושה געליטן —
קיין רײַסן געקומען דער ליטווישער בריוו,
דעם רײַסענערס בריוו האָט פּאָפּאַדעט קיין ליטע.

מען פֿאָרט, מען באַגעגנט זיך, היטלען מען בײַט —
דאָס זעלבע, גלײַך עמעצער האָט זיי פֿאַרכּישופֿט.
מיט גאָרנישט געקומען די שליחים אַהיים.
געקאָכט האָט די שטאָט, זיך געקהלט און געיִישובֿט.

די שליחים מען פֿאָרשט אויף אסיפֿות ביז נאַכט,
אַ טאָג הונדערט מאָל די נסיעה זיי ווײַזן:
מען בײַט זיך מיט היטלען, מען פֿאָרט און מען פֿאָרט
פֿון רײַסן קיין ליטע, פֿון ליטע קיין רײַסן.

דאָס זעלביקע — ס'ווערן פֿאַרביטן די בריוו.
זעט אויס, דער נישטגוטער אַליין שטעקט אין מיטן.
באַשליסט מען מיט כעלעמער שליחים די צוויי
נאָך איינעם אַ כעלעמער שיקן — אַ דריטן.

נאָר דאָס מאָל באַהאַלטן זיי זאָלן די בריוו
איעדער באַזונדער אין זײַן טלית-קטן.
דער דריטער וועט וואַכן און היטן — אין שלאָף
נישט בײַטן עס זאָל זייערע היטלען דער שׂטן.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

קיין רײַסן גערײַזט האָט דאָס דרײַטל צום ערשט,
אין דרײַען בשלום געקומען קיין ליטע.
ווײַל דאָרט, ווו דרײַ כעלעמער שטעלן אַ פּוס,
האָט נישט דער שׂטן-המשחית קיין שליטה.

דער בלייענער פויגל

אַיעדע מטבע מוז האָבן צוויי זײַטן:
פֿון איין זײַט מטבע דעם קיסרס פּאָרטרעט,
פֿון צווייטער — דער מעכטיקער גילדענער אָדלער,
וואָס פֿליגל צעשפּרייט איבער לענדער און שטעט.

אין הימלען ער שוועבט דער צווייקעפּיקער אָדלער,
און שטאַרקערס פֿון אים איז נישטאָ אויף דער וועלט,
נאָר כעלעמער האַלטן מיט שלמה המלך,
אַז חכמה איז טײַערער פֿון גאָלד און פֿון געלט.

און כעלעם צעשיקט אין דער וועלט משולחים,
וואָס האַנדלען אײַן חכמה פֿאַר כעלעם דער שטאָט
און ברענגען אַראָפּ די בעסטע מגידים
פֿון קאָוונע, פֿון דובנע, פֿון טאַלנע און בראָד.

און איינוועגס פֿאַר כעלעם זיי מאַכן אַ קאָפּיקע.
און האָט זיך אין וועג אַ בעל־צדקה געמאַכט —
אַ בלײַענעם פֿויגל אין קהלישן קלומעק
ר׳ אײַזיק משולח אַהיים האָט געבראַכט.

דעם פֿויגל אַנטדעקט האָט ר׳ סענדערל־נחום,
דער כעלעמער פּרנס און הויפּט־קאַזנאַטשעי.
די שטאָט האָט געקלונגען מיט אָדלער, וואָס קלינגט נישט,
און אויסגעלאָזט האָט מען מיט אוי און מיט ווײ.

— פֿון וואַנען געקומען צו פֿליִען דער פֿויגל?
— פֿון קאָוונע!
— פֿון דובנע?
— פֿון טאַלנע!
— פֿון בראָד?

מען האָט זיך געשושקעט, די שטאָט זיך געסודעט
אין מאַרק, אין די גאַסן, אין קלויז און אין באָד.

פֿונלאַנג נישט געווען אַזאַ צרה אין כעלעם:
— פֿאַר וואָס קומט דער שטאָט פֿון חכמים אַזאַ פּלאָג?
— ר' איציק, ווו זענען געווען זײַנע אויגן?
— אַ בלײַענער פֿויגל!
— סע שמעקט מיט אָסטראָג...

גערופֿן האָט קהל אַ גרויסע אסיפֿה.
דרײַ טעג זיך געיישובט האָט כעלעם די שטאָט,
באַשלאָסן: ס'זאָל כעלעם, חלילה, נישט שאַטן,
דעם פֿויגל דעם בלײַענעם האַלטן בסוד.

נאָר שיקן דעפּעשעס קיין בראָד און קיין קאָוונע,
קיין דובנע און טאַלנע — אַזוי און אַזוי:
„אַ בלײַענער פֿויגל פֿאַרבלאָנדזשעט קיין כעלעם —
ניע זנאַיעם טשעי עטאָט אָריאָל זאָלאָטאָי".

דערווײַל האָט ר' איציקן קהל באַהאַלטן
אין פֿינצטערן קעלער אַהינטער דער באָד,
ביז קומען מען וועט נאָכן בלײַענעם פֿויגל
פֿון דובנע און קאָוונע, פֿון טאַלנע און בראָד.

נישט זוכן מען זאָל דעם משולח אין קעלער —
דער אויבערשטער אויסהיטן זאָל פֿון אָסטראָג —
געשריגן: „ר' איציק, אַראָפּ פֿונעם בוידעם!" —
האָט כעלעמער קהל בײַ נאַכט און בײַ טאָג...

— אַ בלייענער פויגל!
— סע שמעקט מיט אָסטראָג...

ביז גאָט האָט געהאָלפֿן — געקומען אַ מגיד,
פֿאַר כעלעמער עולם געדרשנט אין קלויז.
אַוועקגעפֿירט האָט ער די פֿאַלשע מטבע,
פֿון קעלער איז דעמלט ר׳ איַיזיק אַרויס.

און כעלעם האָט אָפּגעשאַצט זײַנע פֿאַרדינסטן,
און קהל פֿאַר העלדישקייט האָט אים באַלוינט —
מכבד געווען דעם משולח מיט מפֿטיר,
„דער בלייַענער פֿויגל״ — דעם כעלעמער געקרוינט.

אין וועג אַריַין ווידער געלאָזט זיך ר׳ איַיזיק,
און אויסגעפֿאָרן איז דער משולח אַ וועלט,
געזוכט און געפֿונען דעם שיינעם בעל-צדקה
און מוסר געזאָגט — נישט דערמאָנט וועגן געלט.

„נאָר איינמאָל געלינגט צו פֿאַרשעמען די חכמה״.
דער ייִד, זעט ר׳ איַיזיק, האָט זיך פֿאַרטראַכט...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

געקומען אַהיים איז דער „בלייַענער פֿויגל״
און ווידער אַ בלייַענעם אָדלער געבראַכט.

דאָס פּאַרפּישופּטע ראָד

(ווו איז יושר?)

דרימלט כעלעמער בעל-חלומות מיטן ספר אויפן טיש...
קומט אַריין ר' יונה נביא, ציט פון מויל אַרויס אַ פיש.
— שיע-שלום — זאָגט אים יונה — כ'וועל דיר ווייזן נאָך אַ קונץ.
פונעם פיש ער שאָבט די ליסקעס, שיט אים אָן אַ זשמעניע מינץ.

— זעסט, פיר ווינקעלעך אין צימער? עקן פיר האָט אויך
די וועלט,
שפּיצעכיק איז אונדזער לעבן, קיילעכיק איז נאָר דאָס געלט.
די מטבע אויף מיין דלאָניע — רייס נישט אָפּ דיין בליק פון איר,
פונעם גראָשן ווערט אַ רעדל, קייקלט זיך אַרויס פון טיר.

שיע-שלום דעם לאַמטערן און דעם שליסל טוט אַ כאַפּ,
די מזוזה מיט אַ פינגער טוט ער איילנדיק אַ טאַפּ
און אַ שמיר איבער די ליפּן — ס'איז די ראָד שוין ווייט אַוועק,
עס צעפּלאַטערט זיך די פּאָלע און עס גליטשעט זיך דער וועג.

נאָך דעם ראָד לויפט שיע-שלום באַרג אַרויף, אַראָפּ אין טאָל,
לויפט אים נאָך אַ גרויסע מחנה — הינטער אים גאַנץ קהל.
כעלעם איז אַוועק פון כעלעם און געלאָזט אַליין די שטאָט,
און מען לויפט. — וווהין-זשע לויפט מען? — וווהין פירן
ס'וועט דאָס ראָד.

קייקלט זיך דאָס ראָד נאָך שנעלער, אין די אויערן פייפט
דער ווינט.
לויפן כעלעמער דורך דערפער — פאַלן אָן אויף זיי די הינט.
לויפט מען דורך אַ וואַלד אַ שוואַרצן, יאָגן נאָך זיי די וועלף,
שריי̆ען כעלעמער צום הימל און דער כביכול העלפט.

לויפן כעלעמער דורך לאָנקעס, הייבט זיך אָן אַ גילדן פעלד.
פונקט אין מיטן פעלד אַ ווײַלע האָט דאָס ראָד זיך אָפּגעשטעלט.

האָבן גינגאָלדיקע זאַנגען אין די אויגן זיך צעשפּילט,
און מיט גינגאָלד אַלע טאַשן האָבן כעלעמער אָנגעפּילט.

האָט דאָס ראָד געטאָן אַ ציטער און געשווינדער זיך צעיאָגט. —
לויפֿן כעלעמער פֿאַרסאַפּעט טאָג און נאַכט און נאַכט ווי טאָג.
שיע-שלום לויפֿט פֿון פֿאָרנט, הינטן — קהל מיטן רב,
און געוואָרן זענען אַלע אינעם וועג פֿאַרשוואַרצט און גראָוו.

כעלעם איז אַוועק פֿון כעלעם, אין דער פֿרעמד פֿאַרפֿירט דאָס ראָד.
ווילן כעלעמער חכמים אומקערן די שטאָט אין שטאָט,
וויל מען גיין מיט וועגן גלײַכע, פֿירט דאָס ראָד אַראָפּ פֿון וועג
אין די זומפּן, אין די זאַמדן, ביז מען שפּאַרט אָן אין אַ ברעג.

זוכן כעלמער מיט די אויגן אַ פּאַראָם, צי אַ בריק,
מיינען זיי, דאָס ראָד וועט פֿירן איצטער אין דער שטאָט צוריק,
נאָר דאָס ראָד צעיאָגט זיך ווידער, פֿונעם ברעג אַראָפּ צום טײַך,
קײַקלען זיך אַראָפּ די כעלמער, לויפֿט מען אויף דער אויבערפֿלאַך.

פּלוצעם איז דער טײַך אַנטרונען, און פֿאַרשוווּנדן איז דאָס ראָד,
און די כעלעמער חכמים שטייען אין דער אַלטער באָד.
אָדם-נאַקעט איז דער עולם, אַ געפּילדער — נישט געמאָלט :
— ייִדן, מ'האָט אַרויסגעגנבעט די מלבושים מיטן גאָלד !
די געשרייען — ביזן הימל : ייִדן, ראַטעוועט, געוואַלד !
— כאַפּן דאַרף מען די גנבים! — לויפֿן! — זוכן! — וווּ? — אין וואַלד!

— אויסגעשטעלט די שטאָט אויף חוזק — שיע-שלום מיט זײַן ראָד!
ענטפֿערט שיע-שלום : — ייִדן, יונה נביא ווייסט דעם סוד.
פֿרעגט דעם נביא, וועט ער טרעפֿן : וווּ און ווען, און ווער און וואָס.
יונה איז דער רעדלפֿירער, הײַנט איז יונה באַלעבאָס.

— ייִדן, וווּ איז יונה נביא? ענטפֿערט יונה : — איך בין דאָ !
כ'וועל אײַך ברענגען די מלבושים, נאָר דאָס גאָלד איז שוין נישטאָ.
— יונה, ס'טײַטש, און וווּ איז יושר? אָפּגעשינדט אַ גאַנצע שטאָט!
— וווּ איז יושר? — ענטפֿערט יונה — יושר — טאַקע דאָ אין באָד!

פונעם גראָשן ווערט אַ רענדל...

דער מילדער פּריץ

ר׳ צמח דער לאַנגער, אַ חייט בן חייט,
געלעבט האָט אין כעלעם. זײַן װײַב שׂרה-חיה
אַ צענדליק חכמים דעם מאַן האָט געבוירן,
וואָס נעמען געטראָגן פֿון דער הפּטורה.
געזונט און פּרנסה? — וואָס שײַך צו זאָגן,
אַ כעלעמער טאָר נישט אויף גאָט זיך באַקלאָגן.

ויהי — ס׳איז געווען — קומט אַ פּריץ צו פֿאָרן
מיט גלאַנציקע שטיוול, מיט זילבערנע שפּאָרן:
— אַ בגד זאָל ווערן! — ער זאָגט אויף זײַן לשון
און גיט נישט קיין סחורה, און ווײַזט נישט קיין גראָשן,
און גלאָצט מיט די אויגן, און פּינעט און ברומט,
אַז קומען וועט ער אין אַ צען טעג אַרום.

ווי כוואַליעס פֿאַרפּלייצט האָבן כעלעם די קלאַנגען:
— אַ ביטערע גזרה אויף צמח דעם לאַנגן!
פֿון אויער צו אויער מען רוימט אײַן אַ סוד —
נישט צמחן מיינט מען, נאָר כעלעם די שטאָט.
און ווער ס׳איז אַ חכם, זאָל מאָלן דעם סוף...
געקומען איז קהל זיך עצהן צום רב.

גערופֿן דער רב האָט אַ גרויסע אסיפֿה.
און כעלעמער האָבן די צינגער געשליפֿן
דרײַ טעג נאָכאַנאַנד און פּה-אחד באַשלאָסן:
„דער חייט זאָל מאַכן אַ בגד דעם „חתן״,
„ח״י גילדן לצמח״ אין פּנקס פֿאַרשרײַבן —
אַ זכר אויף אייביק דער היזק זאָל בלײַבן״.



צום זעקעלע צונייען זאָל מען א טראָלד
און אומקערן תיכף דעם פּריץ דאָס גאָלד

אַ קײַלעכיקע וואָך האָט דער שנײַדער געאַרבעט,
ער שלעפּט די פּאַסטריגעס אַרויס פֿון די אַרבל
און פּרעסט צו דעם בגד. אין אָוונט-שעה שפּעטער
לויפֿט אָן דער בעל-דבר אין שוואַרצער קאַרעטע.
ער מעסט אָן דעם בגד און דאַנקט און באַצאָלט
ר׳ צמח דעם לאַנגן אַ זעקעלע גאָלד...

איז ווידער אַן אומגליק, אויף ייִדן — אַ שטראָף.
און כעלעמער קומען צו לויפֿן צום רב:
— נישט אַנדערש, דער פּריץ אַרײַן אין אַ טעות.
— דער פּריץ מיט כעלעם וויל טרײַבן קאַטאָוועס.
— די צײַט פֿאַר אַ צרה איז פּונקט ווי געמאָסטן!
— ס׳איז ביטער, ווען פּריצים לאָזן זיך קאָסטן.

באַנײַס האָט גערופֿן דער רב אַן אסיפֿה.
באַוויזן האָט כעלעם פֿאַרשטענדעניש טיפֿע:
ס׳האָט קהל באַצאָלט פֿאַר דעם בגד ח״י גילדן,
דערפֿאַר קומט אַ חוב נאָך דעם פּריץ דעם מילדן...
צום זעקעלע צונייען זאָל מען אַ טראָלד
און אומקערן תיכף דעם פּריץ דאָס גאָלד.
זאָל קהל דעם פּריץ ח״י גילדן דערצאָלן.

די פֿערד, וואָס געלאָפֿן אויף בערג, איבער טאָלן —
אַ וואָגן מיט האָבער; דעם קוטשער — אויף יי״ש,
די צונג זאָל ער האַלטן, נישט מאַכן קיין רעש,
עס זאָל, חס ושלום, כעלעם די שטאָט
צווישן די פּריצים נישט ווערן צו שפּאָט״.

די פעסטונג פון חכמה

אַ מאָל האָט אין כעלעם אַ פריץ געוויילט.
געפֿאָרן פֿאַרביי צו געקומען בפּיוון,
נאָר הולכן האָט ער זיך גאָרנישט געאיילט,
מסתמא פֿאַרזוכט האָט ער כעלעמער גריוון.

געשען איז אַזוי, צי פּאַסירט האָט פֿאַרקערט —
דער פריץ געשטעקט האָט אין שטאָט ווי אַ דאָרן,
און כעלעמער האָבן געטראַכט און געקלערט
צו ברענגט נישט דער אָדון אויף כעלעם אַ צרה.

איין חכם דעם צווייטן בעתן דאַווענען פֿרעגט:
— דער שמשון הגבור איז אפֿשר אַ נעמער?
— איז גרינג אָדער שווער דער של-יד וואָס ער לייגט?
— ער צאַפּט פֿונעם פֿאַס צי ער זופּט פֿונעם עמער?

וואָס וואַרט מען?
— זאָל קהל זיך געבן אַ נעם!
— געפּרוווירענע לעמעשקעס!
— בריות צעקראַכענע!
— דערוויסן מען דאַרף זיך, למען השם,
ווייל חרוב קאָן ווערן די פֿעסטונג פֿון חכמה.

ער נעמט צי ער נעמט נישט? עס קאָכט און עס זידט —
ווער איינשטעלן וועט זיך דאָס לעבן און פרווון?
דריי טעג ווי מען קהלט זיך... געפֿינט זיך אַ ייִד:
— פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר — זאָגט דער שדכן ר׳ ראובן.

— כ׳וועל קומען אַהיים, אויב מיר איז באַשערט,
אויב נישט,
וועט דער פריץ אויפֿן אָרט מיך דערשיסן...
צעקעמען די כעלעמער נגידים די בערד
און וואַרפֿן ווי צדקה די גילדנס אין שיסל.

דעם שליח אַ שטרײַמל געגעבן האָט קהל,
אַ שירעם אין האַנט און אַ נײַע קאַפּאָטע.
אין מקווה געטובלט ער האָט זיך דרײַ מאָל...
ס׳האָט כּעלעם געפּיבערט, די שטאָט האָט געזאָטן.

אין קלויז זאָגט מען תהלים בײַ טאָג און בײַ נאַכט,
קבצנים אין גאַסן מיט פּושקעלעך קלאַפּן
און כּעלעם גיט צדקה, נאָר טראַכטן מען טראַכט
פֿון ברייטער און אָפּענער פּריצישער לאַפּע.

גאַנץ כּעלעם אַרויס איז באַגלייטן דעם העלד.
באַצײַטנס פֿאַרזאָרגט אַלץ די חברה־קדישא:
תּכריכים אויף קהלישן חשבון באַשטעלט,
די קרקע באַצייכנט, און דריקלעך צווײ פּרישע.

אָט גייט ער אין שווערע מחשבות פֿאַרטיפֿט —
אויף קידוש־השם גייט דער כּעלעמער גיבור.
פֿונעם באַרגשפּיץ נגידים דערזען אין שפּאַקטיוו:
אָט איז ער אויף פּריצישער זײַט שוין אַריבער...

— צו וואָס איז געגליכן אַ מענטש? — צו אַ האָז,
געוועזן און נישטאָ — זאָגט דער חקרן ר׳ נתן.
און פּלוצעם דערהערט מען אַ הילכיקן שאָס.
— אוי ווײ! — דאָס האָט מען דעם שליח דערשאָסן.

פֿונעם באַרג די נגידים זיך קײַקלען אַראָפּ,
די ווײַבער אַנטלויפֿן מיט קינדער אויף אָרעמס,
מען האַקט מיט די לאָדן, מיט טירן מען בראָקט,
עס קלינגען די פּרענטעס און ס׳גרילצן די שוואָרעס.



צעקעמען די כעלעמער נגידים די בערד
און וואַרפן ווי צדקה די גילדנס אין שיסל

און ווידער צום רב קומט זיך קהל צונויף,
דעם כעלעמער שליח צום גוטן דערמאָנען,
און אָפּגעבן אים מיט כּבוד דעם חוב —
פֿאַרזאָרגן די עופֿעלעך מיט דער אַלמנה.

דעם כעלעמער קדוש האָט קהל באַערט —
זאָל רוען בשלום אין כעלעם של מעלה...
צעפּראַלט זיך די טיר — פֿאַלט דער הימל צו ערד,
און כעלעמער בלײַבן מיט אָפֿענע מײַלער.

אַ גאַנצער געקומען דער שדכן צוריק:
— ער נעמט! — און ער וואַרפֿט אויפֿן טיש די מטבעות.
— וואָס הייסט? — פֿרעגט דער עולם.
— שדכנישע שטיק!
— ער נעמט — זאָגט דער שדכן — ער זיצט אין קאַפּעהויז.

— פֿון וואַנען זשע נעמסטו צו זאָגן „ער נעמט"?
נישט אָנגעהויבן האָסטו אַפֿילו צו געבן.
— ער נעמט, ווײַל נישט אָפּגעדאַרט זענען די הענט.
צו וואָס זשע באַדאַרפֿט האָב איך אײַנשטעלן ס'לעבן?

האָט קהל געפּסקנט: דער ייִד איז גערעכט,
נאָר געבן דעם פּריץ דאָס געלט וועט מען דאַרפֿן.
אין איינער פֿון כעלעמער פּינצטערע נעכט
דאָס זעקל מיט גילדנס אים אונטערגעוואָרפֿן.

געפֿונען דעם מטמון דער פּריץ צי ניין?
אַוודאי געפֿונען ער האָט אים — אַ סברא,
דער פּריץ פֿון כעלעם איז עוקר געווען,
דער עיפּוש פֿון כעלעם איז נעלם געוואָרן.

די שקראַבעס

דער כעלעמער חקרן ר׳ נתן הקטן
אין לאַנגער קאַפּאָטע און זײַדענעם גאַרטל
גייט אום ווי אַן אומרו פֿון ווינקל צו ווינקל
און שאַרט מיט צעריסענע שקראַבעס פֿאַרדאַרטע.

ר׳ נתנס חריפֿות האָט גאָרנישט קיין גרענעץ,
זײַן חכמה צעפּלאָנטערט די שווערסטע הלכות.
דערציילט מען אַ מעשׂה: ווען נפֿטר געוואָרן
דער כעלעמער רב אדמו״ר סענדערל ברכות,

גאַנץ כעלעם מקנא געווען איז דעם אַלטן —
מען האָט זיך געווונטשן אַזאַ מין לוויה.
דערנאָך — ווי עס פֿירט זיך מימים קדמונים —
דאַרף אויפֿנעמען כעלעם אַ פֿאַסטעך אַ נײַעם.

חכמים זיך האָבן געשפּאַרט אין די גאַסן
וואָס שײַך למדנות, מכּח חזקה —
ר׳ סענדערל האָט נישט געלאָזט קיין צוואה,
נאָר איבערגעלאָזט האָט צוויי איידעמס דער זקן.

דער עלטערער איידעם — אַזוינס ווי אַזעלכס,
איז אָבער זײַן ווײַב אַ שטיק ליים, תּמעוואַטע.
דער יינגערער איידעם — אַ קוצק בן קוצק,
זײַן ווײַב, די מעזינקע, געראָטן אין טאַטן!

צעטיילט האָט זיך כעלעם — עס שטרײַטן די צדדים,
פֿון איין זײַט די רעכטע, פֿון צווייטער — די לינקע.
די רעכטע: „זאָל לעבן דער עלטערער איידעם!"
די לינקע: „זאָל לעבן דעם רבינס מעזינקע!"

אין כעלעם צעפּלאַקערט זיך האָט אַ מלחמה:
אַזוינס נישט געווען זינט די וועלט איז באַשאַפֿן.
די רעכטע געכאַפּט האָבן הילצערנע גראַגערס,
די לינקע מיט טאַצן זיך האָבן באַוואָפֿנט.

צוויי מחנות — איינע אַנטקעגן דער צווייטער —
מיט גרויזאַמע גראַגערס און טאַצן וואָס פֿינקלען:
מען גראַגערט: „זאָל רב זיין דער עלטערער איידעם!"
מען צימבלט: „זאָל רביצן זייַן די מעזינקע!"

— דער עלטערער איידעם!
— ער איז נישט קיין כעלעמער!
— דער ייִנגערער איידעם!
— ער איז אַן עם-האָרץ!
מען האָט זיך געריסן, מען האָט זיך געביסן
ביז איינער דעם צווייטן פֿאַרקלאָגט פֿאַרן פּריץ.

דער פּריץ האָט אויסגעהערט כעלעמער שליחים,
מכבד געווען סייַ רעכטע, סייַ לינקע,
דער לינקער הינקט צו אויפֿן פֿוס אויפֿן רעכטן,
דער רעכטער אויףביידע רגליים טוט הינקען.

אויב גיין און פֿאַרקלאָגן זיך צום גובערנאַטאָר,
וועט אָפּלייזן כעלעם אין הורט און לאחדים...
איז קהל געקומען צום כעלעמער חקרן,
און אדרבא, זאָל ער פֿאַרגלייַכן די צדדים.

דרייַ טעג און דרייַ נעכט פֿון איין ווינקל צום צווייטן
געשפּאַנט האָט ר' נתן פֿאַרטיפֿט אין מחשבות,
זיך אָפּגעשטעלט פּלוצעם, דעם קאָפּ אָנגעבויגן,
באַטראַכט האָט ער זייַנע צעריסענע שקראַבעס.

ס'איז איינער אַ רעכטער, דער צווייטער אַ לינקער —
אַיעדער באַזונדער, נאָר שפּאַנען אינאיינעם...

די שקראַבעס — זיי דינען אים יאָרן און יאָרן —
ס'איז איינער אַ רעכטער, דער צווייטער אַ לינקער.
טאָ לאָמיר אַ פּרווו טאָן — װילך! — די שקראַבעס
זיי שפּאַנען אינאיינעם פֿון ווינקל אין ווינקל.

דער לינקער מאָנט עסן, דער רעכטער וויל פּיקן,
איין שקראַב ברעכט שוין פּיסקעס, דער צווייטער וויל וויינען.
ס'איז איינער אַ רעכטער, דער צווייטער אַ לינקער —
אַיעדער באַזונדער, נאָר שפּאַנען אינאיינעם — — —
— — — — — — — — — — — — —

אַרויס איז ר' נתן צום כעלעמער עולם,
געדרשנט אַזוי פֿאַר דער הייליקער עדה:
— רבותי די רעכטע, איר זענט די גערעכטע —
זאָל רב זיַין ר' סענדערלס עלטערער איידעם.

זאָל כעלעמער חכמה דעם שלום פֿאַרהיטן.
טאָ לאָמיר אַ טראַכט טאָן: וואָס ווילן די לינקע?
אַ קלייניקייט — אויכעט אַ פֿוס אינעם טשאָלנט.
איז מילא, זאָל רביצן זיַין די מעזינקע.

און זאָלן זיי פּראַווען — דער עלטערער איידעם
מיטן רבינס מעזינקע — אין זכות פֿון די אָבות.
און טאָמער וועט עמעצער מאַכן אַ שאלה,
זאָל כעלעם במחילה אים וויַזן די שקראַבעס.

ווער איז אַ כעלעמער?

געווען איז עס דינסטיק, אין טאָג פֿון כּי-טוב,
האָט קהל באַזעצט אויף דער שטול ר׳ נחמיהן,
ר׳ סענדערלס איידעם געוואָרן איז רב —
צום ערשטן אין כעלעם אַ רב נישט קיין כעלמער.

דעם אייגענעם ווײַב ר׳ נחמיה פֿאַרזאָגט,
נישט ווײַזן זי זאָל זיך בײַ טאָג פֿון איר ווינקל,
ווײַל רביצן זײַן וועט פֿון הײַנטיקן טאָג
די שוועגערין זײַנע, דעם רבינס מעזינקע...

און ווידער צעטיילט האָט זיך כעלעם די שטאָט;
געוואַלד האָבן כעלעמער תושבים געשריגן:
— באַגאַנגען אַן עולה!
— פֿאַרלעצט דאָס געבאָט!
— באַקומען האָט כעלעם אַ רב נישט קיין היגן.

אין הייף און אין גאַסן, אין מאַרק און אין קלויז
אַיעדערער דרשנט עלעהיי פֿון בעלעמער.
מען פֿרעגט און מען ענטפֿערט:
— אַזוי גאָר?
— קומט אויס,
אַפֿילו אַ לאָדזשער קאָן ווערן אַ כעלעמער.

— די חכמה געפֿינט נישט דעם וועג צו אַ נאַר,
ווי שבת נישט אויספֿאַלן קאָן אין דער וואָכן.
— רבותי, ס׳איז כעלעם די שטאָט אין געפֿאַר
און בטל קאָן ווערן די כעלעמער חכמה!

ווײַל — ווער איז אַ כעלעמער? דאַרף מען פֿאַרשטיין —
פֿון בראשית געדרונגען עס איז מן-התורה:
„אַ כעלעמער תושב מיט הויט און מיט ביין,
אויב ס׳האָט אים אַ כעלעמער מאַמע געבוירן".

— און די, וואָס נישט כעלעמער מאַמעס געבראַכט?
געפסקנט האָט כעלעם: אַ רוח אין זייער טאַטן!
די שטאָט האָט געזאָטן בײַ טאָג און בײַ נאַכט:
— פֿאַרטרײַבן דעם רב!
— מיט אַ כעלמער פֿאַרבײַטן!

נאָר כעלמער רחמנים געפֿינען אַ זכות:
— ווי מעג מען הײַנט ברעכן אַ ייִד פֿון פרנסה?
— און ווער וועט אים זאָגן, אויב זאָגן מען מוז?
— דער עלטערער איידעם איז נעבעך אַ יתום.

הײַנט ווער איז גערעכט און ווער — נישט גערעכט?
האָט כעלעם גערופֿן אַ גרויסע אסיפֿה.
דרײַ גילדענע טעג, דרײַ זילבערנע נעכט
האָט קהל די מוחות און צינגער געשליפֿן.

געלאָזט האָט מען הערן אַיעדער זײַן קוק,
און ראיות געבראַכט, און מיט פסוקים באַוויזן.
האָט כעלעם דערוויזן, אַז כעלעם איז קלוג,
אין פנקס פֿאַרשריבן: „תר״ה, כ״ח ניסן.
דער רב איז אַ רב — און זאָל זײַן אַזוי,
צי איז ער אַ לאָדזשער, צי קומט ער פֿון פויזן,
די רביצן אָבער — איז אַ כעלעמער פֿרוי,
וועט זי, זײַט זשע מוחל, גיין אין די הויזן״.

און וואָס וועט אַ שטייגער זאָגן די וועלט?
דערויף איז פֿאַראַנען אַ לינקע פאה...
האָט קהל פֿאַר דער רביצן הויזן באַשטעלט,
און זאָלן די לאָדזשער נישט זאָגן קיין דעה.

ווײַל כעלעם די שטאָט קאָן איר שטעטל באַשטיין —
און פֿרעגט נישט קיין כעלעמער: ווער איז ער, פֿונוואַנען?
ווײַל ענטפֿערן וועט ער אײַך: איר זענט אַליין...
וואָס? — אייסעך. איר האָט דאָך אַוודאי פֿאַרשטאַנען.

כעלעמער סטראַכאָווקע

געקומען איז אַ לאָדזשער ייִד קיין כעלעם
דאָס לעבן פֿון חכמים צו סטראַכירן.
געגאַן איז ער צו ערשט צו די נגידים,
דערנאָך געעפֿנט נידעריקערע טירן.

דער עסק האָט די כעלמער אויפֿגערודערט.
אין גאַס, אין קלויז, אין באָד — מען ווערט געוויער.
און כעלעם קאָכט זיך:
— האָסט געהערט אַ מעשׂה?
— סטראַכירן ס׳לעבן.
— אָסור מן-התּורה!

— אַ הויז, אַ מיל, אַ קרעטשמע — דאָס איז עפּעס —
עס ברענט אַמאָל, באַקומט מען אַ מטבע.
נאָר אַ בן-אָדם — איבעריקע טירחה —
וואָס שייך יאָרן האָט מען נישט קיין דעה.

אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין — עס טוט זיך,
אין כעלעם אַ מחלוקת אויסגעבראָכן:
— מען מעג!
— מען טאָר נישט!
— אָדם-קאַטשקע, רוק זיך!
— רוק זיך, קאַטשקע-אָדם — געענטפֿערט האָט אַ חכם.

האָט קהל באַלד גערופֿן אַן אסיפֿה,
די צדדים צווישן מענטשן צו פֿאַרגלייַכן.
געקומען זענען בחורים און זקנים,
פֿאַרזאַמלט זיך סיי אָרעמע, סיי רייַכע.

געשמועסט האָט מען פֿון לעבן און פֿון שטאַרבן —
אַיעדער האָט באַוויזן זײַן חריפֿות
פֿון וואָס מען שטאַרבט: פֿון זאַטקייט און פֿון הונגער,
אין קימפּעט, פֿון חולירע און פֿון טיפֿוס...

דערנאָך אַוועק איז גאָר אַן אַנדער פּרשה:
חולאתן און מכּות פֿון דער תּורה.
און אויפֿגעמישט מען האָט אַ נײַ קאַפּיטל:
רפֿואות, סגולות, רביים און דאָקטוירים.

צעוויקלט האָט מען גאָר אַ נײַע סדרה:
קאָמפּרעסן, פּיאַווקעס, באַנקעס און פּוכירן...
צום סוף געקומען איז מען צו דעם ענין:
צי מעג אַ ייִד זײַן לעבן פֿאַרסטראַכירן?

האָט קהל זיך צעהיצט:
— מען מעג!
— מען טאָר נישט!
— פֿאַרזיכערט אײַך אויף גאָט — עס שטייט געשריבן.
— ווײַל פֿונעם טויט איז קיינער נישט באַוואָרנט.
— חלילה, נישט אַרויסרופֿן גאָטס צאָרן!

— שאַט — רופֿט זיך אָן דער רב — פֿאַראַן אַ פּשרה:
נישט שאַטן זאָל, חלילה, אונדזער קהילה,
סטראַכירט אײַך ווער עס וויל, נאָר די סטראַכאָווקע
פֿאַרשרײַבן זאָלן כּלעמער אויף גאַווריאָן.

ר׳ גאַווריִלאָ בר־תנורא

אין מיטן דער נאַכט האָט דער האָן זיך צעקרייט
און אויפֿגעוועקט כעלעמער הינער און הענער —
אַ סימן, און ס׳האָבן כּפּרות געדרייט
קינדער און זקנים, ווײַבער און מענער.

אין שעכטהויז קאַיאָר האָט דער שוחט געוואַרט
ביז ברענגען מען וועט די פֿאַראורטיילטע עופֿות,
געפּרוווט אויפֿן נאָגל דעם חלף — געשאַרפֿט.
און גאָט האָט אין כעלעם באַוויזן אַ מופֿת.

גאַווריִלאָ דער שבת-גוי קומט מיט אַ האָן
— נעם צו מײַן כּפּרה און שעכט זי, ר׳ יאָסל.
פֿאַרזינדיקט איך האָב זיך, טײַ האָדיע — געננוג!
כ׳בין מוחל דעם שמש די שיינע פּרנסה.

גאַווריִלאָ עלעהיי פֿאַרן אָפּגאָט זיך בוקט:
און דברט צום שוחט: — אָט איז מײַן כּפּרה.
נישט טאָן די מלאכה, וואָס איך האָב געטאָן —
אום שבת מיטן פֿײַער כ׳וועל מער זיך נישט פּאָרען.

אַלט בין איך, ר׳ יאָסל, אָט טוט מען אַ רוף:
„יעמוד, רעב גאַווריִלאָ!״ זאָל זאָגן דער גבאי —
איך האָב אַ נשמה אין זינדיקן גוף,
פֿאַרדינט האָב איך כּשר אין שול עולם-הבא.

אין הימל כ׳וועל שטיין פֿאַרן הויכן געריכט,
און אָפּוועגן וועט מען די זינד מײַנע שווערע...
אום שבת אין שול כ׳וועל נישט לעשן די ליכט,
ווײַל אויסגיין צו מיר וועט די גרויסע עבירה.

דער שוחט אַוועק איז צום כעלעמער רב
אים אָנזאָגן גיכער די פּרייליכע בשורה,
און נאָכגעטאַנצט האָט אין דער גאַס מיטן עוף
גאַווריל, הנקרא גאַווריל בר-תנורא.

גאַנץ כעלעם — אַזוי ווי מען שטייט און מען גייט —
גלייך אונטערגעגאַן אַלע כעלעמער שיפּן.
— אַ שטאָט אָן אַ שבת-גוי ?
— איבעריקע רייד...
האָט קהל גערופן אַ גרויסע אסיפה.

אָט שטייט דער בעל-תשובה מיטן האָן אין דער האַנט
און טענהט, אַז גאָט פאַר די זינד וועט אים שטראָפן.
און רעדט מען צו אים, ווי מען רעדט צו דער וואַנט,
און הערן ער וויל נישט פון אַ גראָשן הוספה.

עס האָט נישט געהאָלפן קיין שמייכל, קיין וויצל —
גאַווריל אָ איז האַרט ווי אַ שטיינערנע מויער.
האָט אָפּגעטאָן כעלעם דעם עקשן אַ שפּיצל —
באַשלאָסן, די ליכט זאָל מען שטעלן קאַפּויער.

אַזוי האָט געפּסקנט דער כעלעמער רב :
צום שבת-גוי אָנקומען זאָל מען פאַרשפּאָרן,
זאָל אָנצינדן כעלעם די ליכט פונעם סוף,
און שעכטן מען זאָל ר׳ גאַווריל אָס כפּרה.

און, אדרבא, זאָל ער פאַרזוכן דעם עול...
און זאָל ער מקיים זיין אַנדערע מצוות.
כּדי פילן ער זאָל זיך ווי איינער פון קהל,
אַ טלית אים שענקען מיט פּסולע ציצית.

און גאָט האָט באַוויזן אין בעלעם אַ מופת...

און פטור וועט זײַן ר׳ גאַווריִלאָ פֿון שטראָף,
אַפֿילו אום שבת נישט זינדיקן וועט ער,
ווײַל, ראשית די ליכט וועלן ברענען פֿונעם סוף
און, שנית, פֿאַראַן אַ בפֿירושער היתר...

און ווידער האָט כּעלעם די שטאָט נישט געזאָרגט —
און אַלץ איז ווי פֿריִער געגאַנגען כּשורה.
מיט אייביקן לעבן האָט קהל פֿאַרזאָרגט
גאַווריִלען, הנקרא גאַווריל בר-תנורא.

ווען קומט דער כּבֿוד?

די זון ווי אין שוויץ האָט געבריט און געבראָטן,
די לופֿט אַזש געצאַפּלט אַפֿילו אין שאָטן,
חלשות געפֿאַלן די ציגן אין גאַסן —
די וועלט האָט געלעכצט נאָך אַ קאַלטן טרונק וואַסער.

אין פּאָליש צעגליטן, בײַם טרוקענעם פֿעסל,
אַ מנין פֿאַרברענטע חסידים געזעסן, —
פֿאַסמאַקעוועט האָט מען אַ מימרא פֿון רבין,
גערעדט פֿון משיחן, מען זאָל אים דערלעבן...

אַ מיטוואָך, אַ נאָכמיטאָג, סאַמע מיט תּמוז,
דערשײַנט אינעם פּאָליש אברהם-איטשע שמש
און טוט צו דעם חסיד פֿון באָרשעוו אַ ווונק:
— ר' מלך, דער רבי גייט אויס נאָך אַ טרונק.

— ס'אַ כּבֿוד — באַמערקט ער, און שטראַלט בשעת-מעשׂה —
דעם רבין מחייה זײַן מיט אַ לעק וואַסער.
דער חסיד שפּרינגט אויף ווי אַ לייב פֿונעם אָרט
און נעמט צו בײַם שמש די מעשענע קוואָרט.

— פֿאַר וואָס עפּעס קומט אײַך, ר' מלך, דער כּבֿוד? —
פֿאַרשטעלט אים דעם וועג דער זאַגלעמביער ר' דוד.
ער רײַסט אויס די מעשענע קוואָרט פֿון זײַן האַנט,
מיט דריבנינקע טריט נאָכן וואַסער ער שפּאַנט.

שטייט אויף פֿונעם אָרט ר' מנחם-וואָלף שפּאָלער,
ר' דודן שלעפּט ער צוריק פֿאַר דער פּאָלע.
די מעשענע קוואָרט טוט דער שפּאָלער אַ ריס
און שאַרט צו דער טיר מיט די פּלאַטשיקע פֿיס.

פֿאַרהאַלט אים בײַם גאַרטל דער ביאַלער ר׳ שמעיה:
— מיר זענען דעם רבינס חסידים געטרײַע,
דער כּבוד קומט אונדז — ער באַטאָנט יעדעס וואָרט
און נעמט צו בײַם שפּאָלער די מעשענע קוואָרט.

— דער רבי זיצט דאָרט, מײַנע שׂונאים, פֿאַרחלשט —
צעגייט זיך ר׳ ליאָקעם, דער חסיד פֿון קאַליש.
מיט עלנבויגנס טוט ער די פֿיר אַ צעפֿיר
און אײַלט מיט דער מעשענער קוואָרט צו דער טיר.

אַ חסיד פֿון לעמבעריק פֿאַרמאַכט אים דעם וועג:
— מײַן טאַטע נאָך וואַסער אים צוטראָגן פֿלעגט.
די קוואָרט ווײַזט אַהער — באַפֿעלעריש זאָגט ער —
דער כּבוד קומט אונדז, ווײַל מיר האָבן חזקה!

— אײַ, וואָס מיר חזקה? מיט וואָס בין איך ערגער —
צעיאָגט זיך דער ביטשאַטשער חסיד לייב בערגער,
געפֿלויגן צום רבין איך בין מיטן ווינט,
דעם כּבוד, רבותי, כ׳האָב כּשר פֿאַרדינט...

אַ רעדל חסידים אַרום טרוקענעם פֿאַס —
די מעשענע קוואָרט מיט רציחה מען רײַסט,
מען שלעפּט זיך בײַ גאַרטלען, מען ציט בײַ די פּאָלעס...
אַ חסיד פֿון כעלעם געווען איז פּאָליש —

זאָגט ער: — רבותי, וואָס דאַרף מען זיך קריגן?
געגאַן וואָלט איך אויכעט מיט גרויס פֿאַרגעניגן.
כּולנו חכמים, כּולנו גבורים —
איז גלײַכער דעריבער מען זאָל וואַרפֿן גורל.



אויב יאָ אַזאַ כבוד נאָך וואַסער צו גיין,
איז קומט דאָך דער כבוד דעם רבין אַליין.

נאָר היות עס גייט וועגן כּבוד דעם גרויסן,
טאָ לאָמיר אַ טראַכט טאָן מיט שׂכל, רבּוֹתי.
אויב יאָ אַזאַ כּבוד נאָך וואַסער צו גיין,
איז קומט דאָך דער כּבוד דעם רבּין אַליין.

די ווילדע ציג

אַ ציג איז אַ מזיק — דאָס לייקנט נישט קיינער.
דער עיקר פֿון ציגן-פּלאָג לײַדן די שכנים.
געפּרעגלטע צרות, יסורים געפֿילטע
פֿאַרשאַפֿן אין כעלעם די ציגן די ווילדע,
און ביטערע הערצער, געפּעפּערטע טרערן —
קיין שׂונא מיט ציגן געפּרוּווט זאָל נישט ווערן.
און טאָמער מיינט עמעץ, אַ ציג טראַכט פֿון גאָרנישט,
אַ לעקיש-בער איז זי, צו זיך האָט קיין פּאַר נישט —
באַוווּסט איז אין כעלעם, באַקאַנט איז די עובדא:
קיין עוולה פֿאַרטראָגן נישט ציגן, קיין קריוודע.
זיי ווייסן ווי אײַן און ווי אויס, און אַ סימן —
אַ ציג טראָגט אין האַרצן סײַ ליבע, סײַ שׂינאה.

דאָס איז אַן הקדמה — און איצט קומט די מעשׂה:
געווען איז אין כעלעם אַ ציג נישט קיין ווײַסע
און אויך נישט קיין שוואַרצע, אַ ציג — סאַמע פּלעקן,
און קינדער און זקנים אין שטאָט פּלעגט זי שרעקן.
געטראָגן אַ שטערן די ציג אויפֿן שטערן —
קיין מורא געהאַט נישט פֿאַר וועלף, נישט פֿאַר בערן.
ווער שמועסט אַ בן-אָדם, דערצו נאָך אַ כעלעמער —
מיט גרויס פֿאַרגעניגן געשטאָכן מיט הערנער,
אויף ווײַבער פֿון הינטן די ציג פּלעגט באַפֿאַלן...
און איין מאָל אין שולהויף געשטויסן אַ כּלה.
איז אונטער דער חופּה געפֿאַלן חלשות,
געגענדל די געלע אברהם-חיה-דוואָשעס.

האָט עמעץ אין כעלעם געגומען דערווײַזן,
די ציג ווערט משוגע פֿון חופּה-קלייד ווײַסן.
נישט אַנדערש — די ציג איז אַ גלגול, מסתמא,
עס מאַטערט זי עמעצנס קראַנקע נשמה.

דערמאָנט האָט זיך עמעץ אַ מעשׂה אַן אַלטע:
אַ בחור מען האָט אָן תּכריכים באַהאַלטן.
מיט זעק מיט צעריסענע האָט מען באַדעקט אים —
אַריַין זיַין נשמה אין ציג דער געפֿלעקטער.

וואָס טוט מען? דעם בחורס נשמה אַ תּיקון,
פֿון ציגן־מזיקים די שטאָט צו פֿאַרהיטן.

די ציג זאָל נישט וויסן און שטערן נישט פּרוּוון
האָט קהל בסוד אַן אסיפֿה גערופֿן.
און אַלץ וואָס געפּסקנט — אַזוי איז געבליבן. —
אין כעלעמער פּנקס דער פּסק איז פֿאַרשריבן:
„אין וויַיסע תּכריכים די ציג איַינצוהילן,
ליכט שטעלן צוקאָפּנס און זאָגן גאַנץ תּהלים.
אין ציגן געפֿלעקטע עס שטעקט אַ סכּנה —
האָט כעלעמער בית־דין פֿאַרפֿאַסט אַ תּקנה...״
און געוואָרן פֿון דעמלט אַ חוק־מדאורייתא: —
אַ כעלעמער ציג איז געמאָלט נאָר אַ וויַיסע.

אין בעלעמער פנקס דער פסק איז פאַרקריצט...

כעלעמער דאַוונען בציבור

דער כעלעמער נגיד ר׳ אַנשל לאַפּידעס
די טבע געהאַט האָט צו דאַוונען ביחידות.
אין אַלקערל פֿלעגט זיך ר׳ אַנשל פֿאַרמאַכן
און שמועסן מיט גאָט, ווי ער זײַן זאָל זײַן גלײַכן.

ווער בעט עס בײַם בורא געזונט און פרנסה,
ווען פֿענצטער פֿאַרהאַקט און די טירן פֿאַרשלאָסן?
דער נגיד וויל זײַן מיטן בורא אין צווייען,
נאָר הינטער די פלייצעס זאָגט כעלעם אַ דעה:

— וואָס מיינט ער, אַז קלוגער ער איז פֿונעם שטעטל?
— פֿאַרן דלות פֿאַרלייגט ער די טיר אויפֿן קייטל?
— ר׳ אַנשל, געדענקט זשע און היט אײַך די ביינער!
— פֿאַרגעסט נישט — זאָגט כעלעם — אַז איינער איז קיינער.

ויהי — פֿאַרן בורא גענוג איז אַ רגע —
אַראָפּ איז ר׳ אַנשעלע פֿון דער מדרגה.
אַ מבול, אַ שׂרפֿה, אַ האָגל, אַ וואָרעם —
דער נגיד ר׳ אַנשל איז אָרעם געוואָרן...

צום ערשט אינעם קלויז פֿלעגט ער קומען בגנבה,
דער נגיד שהיה, ר׳ אַנשל הלוי...
ער שטייט אויף דער שוועל ווי אַ קליאַטשע אין כאָמעט
און וואַגט נישט צו קוקן אויפֿן קהלישן עמוד.

אַריבער אַמאָל איז ר׳ אַנשל די שוועל
און דאַוונען זיך פֿאַרן עמוד געשטעלט.
אים צוגעלאָזט האָט מען צום עמוד נישט גלאַט —
דער ייִד נאָך זײַן מאַמען האָט יאָרצײַט געהאַט.

געוועז איז זײַן תּפילה געבעט און געברויז,
און שוואַרץ איז געוואָרן פֿון עולם אין קלויז.
אַרײַן איז דער אביון אין כעלעמער הויט —
האָט קהל די שליחות ר׳ אַנשלען פֿאַרטרויט.

און פֿלעגט ער אַ זאָג טאָן — די לופֿט האָט געברענט,
אַ פּחד באַפֿאַלן די שטיינערנע ווענט,
און ווײַבער געשווומען אין טײַכן פֿון טרערן —
איז כעלעם געלאָפֿן ר׳ אַנשעלען הערן.

און פֿלעגט ער אַ קרעכץ טאָן: אוי, טאַטעניו, ביטער!
מלאכים אין הימל געוואָרן דערציטערט.
ר׳ אַנשלס חזנות האָט הימלען געשפּאָלטן...
און כעלעמער טײַען מיט אויגן צעשטראַלטע.

די ליידיקע קעשענעס פֿול מיט בטחון,
די ווײַבער קדחת אין לאָקשנטעפּ קאָכן,
די קישנס צוקאָפּנס בײַ נאַכט זענען ווייכער
און שׂונאים זיך גיבן אָפּ שלום-עליכם.

ר׳ אַנשעלע זאָגט עס און כעלעם האַלט אונטער,
סײַ רײַכער, סײַ קלוגער, מען פֿילט זיך געזונטער,
און גרינגער די צרות, און זיסער די טרערן —
ר׳ אַנשעלע דאַוונט און כעלעמער הערן...

ער שטייט פֿאַרן עמוד און ס׳וואַרפֿט אים אין פֿיבער.
ר׳ אַנשעלע ווייסט, וואָס הייסט דאַוונען בציבור:
ווען איינער זאָגט — ביטער, סע הייסט נאָך נישט ביטער —
אַ שברי-כלי איז ער, אַ שערבל, אַ שפּליטער.

ווען צוויי זאָגן — ביטער, איז אַלץ נאָך נישט ביטער.
נאָר איז צו די צוויי זיך מצרף אַ דריטער
און שרייַען מזומן: אוי, טאַטעניו, ביטער!...

הייַנט מאָלט אייַך אַ מנין, גאַנץ קהל, אַ שטעטל
מיט קולות מע מאָנט, ווייַל געגוג שוין צו בעטלען.
האָט כעלעם באַשלאָסן... און טאַקע דעריבער
די כעלעמער דאַווענען שטענדיק בציבור.

בערל באָטשאַר

ר׳ בערל באָטשאַר האָט געהאַנדלט מיט פּעסער —
אַפילו אַ נאַר קאָן פאַרקויפן אַ פּאַס:
אַ קליין פּעסל ביליק, און טייַערער, וואָס גרעסער.
נאָר בערל באָטשאַר איז אַ ייִד אַ בר-דעת.

כאָטש ס׳האַנדלען מיט פּעסער אויך אַנדערע כעלעמער,
נאָר קויפן אַ כלי מע קומט צום באָטשאַר.
די קונים, זיי לויפן צו אים ווי די לעמער.
פאַר וואָס? — וועט איר פרעגן.
מען ענטפערט: — דערפאַר!

אַזוי גאָר — פאַרטייַטשט עס אַ כעלעמער חכם —
אַ וואָרט קאָן מען לייענען אַזוי און פאַרקערט.
דער חכם פאַרפלאָנטערט צום ערשט די הלכה,
דערנאָך ער צעפּלאָנטערט, באַווייַזט און דערקלערט.

ער דרייט דעם „דערפאַר" און עס דרייט זיך זייַן מיצל,
ווייַל ענלעך דאָס וואָרט צו אַ קרייַז, צי אַ ראָד.
פאַר וואָס דווקא קייַלעכיק? אפשר גאָר שפּיצעכיק?
זעט אויס, אין „דערפאַר" איז באַהאַלטן אַ סוד...

און אונטערגעשיקט האָט מען גאָדעלע פרעסער.
דעם האָלצוואַרגערס פאַרטל האָט גאָדל אַנטפּלעקט:
מיט פסוקים ער פּילט אָן די ליידיקע פּעסער
און גיך מיט אַ צאַפּן דעם פּאַס ער פאַרשטעקט.

פאַרקויפט ער דעם קונה אַ פּאַס מיט בטחון —
ער מאַכט נישט קיין חילוק, אַ ייִד צי אַ קריסט —
אַ פּעסעלע מזל, אַ דייזשקעלע ברכה,
דאָס פּאַס — מזומנים, די פסוקים — אומזיסט.

מען קויפֿט בײַ ר׳ בערלען געזונט און פּרנסה.
מען דינגט זיך נישט — כּעלעמער ווייסן דעם פּרײַז.
ער מאַכט, ווען מען בעט אים, אַ קליינע הנחה,
די סחורה פֿון הענט בײַ ר׳ בערלען מען רײַסט.

געפּרוּווט האָט מען נאָכטאָן ר׳ בערלס הליכה,
נאָר קיינעם דערווײַל נישט געלונגען די זאַך —
ר׳ בערל קאָן לערנען, ר׳ בערל האָט סמיכה,
ער זאָגט און ער לערנט בײַ טאָג און בײַ נאַכט...

געקומען צו לויפֿן דער שענקער ר׳ נחום.
דער קונה האָט טענות: — דאָס פֿעסעלע רינט!
— אַרויסגעלאָזט האָסטו, ווײַזט אויס, דעם בטחון.
דו האָסט — זאָגט ר׳ בערל — דעם עונש פֿאַרדינט.

פֿאַרבײַטן איך קאָן דעם בטחון אויף שפּע.
גיס איבער דײַן עסיק און ברענג מיר דאָס פֿאַס,
און אָנצײַען כ׳וועל מיט אַ פּסוק די רייפֿן.
ענטפֿערט דער שענקער: — ר׳ בערל, איר שפּאַסט?
ווײַל צונעמען ווילט איר מײַן פֿעסל בטחון.

— אַ פֿעסל מיט שפּע גייט אויך נישט צופֿוס!
— איר מאַכט מיך צום נאַר, נאָר כ׳בין אויכעט אַ חכם:
דאָס פֿעסעלע קויף איך, ווײַל קויפֿן איך מוז.

נאָר ס׳האָט די געשיכטע ר׳ בערלען פֿאַרדראָסן:
— איך האָב דאָך דײַן פֿעסל פֿאַרבײַטן געוואָלט.
דו ווילסט נישט? טאָ קויף נאָך אַ פֿעסל פּרנסה
און דריי נישט קיין ספּאָדעק — געציילט און באַצאָלט!

— אויב איר זענט אַ חכם, כ׳בין אויכעט אַ חכם.
פֿאַרקויפֿט מיר, ר׳ בערל, דעם מיטלסטן פֿאַס...

דרײַ פֿעסער: מיט שפּע, מיט מזל און ברכה
ר׳ נחום דער ווײַנשענקער קאַטשעט אין גאַס.

קומען מוז ער

גייט אַרום אין שטאָט אַ קלאַנג:
אָנגעזעצט האָט כעלעמער באַנק,
(נישט קיין באַנק — אַ היימיש בענקל)
אַז פֿאַרמאַכט אין באַנק דאָס בענקל
דער באַנקיר — גלייך פֿונעם טיש
איז אַנטלאָפֿן קיין פּאַריזש.

— קיין פּאַריזש? פֿאַר וואָס אַהין?
— ווו איז ווין?
— און ווו בערלין?
— אפֿשר לאָנדאָן?
— טאָמער — באָן?
— הער נאָר,
וואַרשע שטייט אים שוין נישט אָן,
אונדזער כעלעמער באַראָן!

שטייען ייִדן אויף די טרעפּ
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ:
— אוי, געקוילעט אָן אַ מעסער!
— מייַן קאַפּאָטע!
— מייַנע פֿעסער!
ברעכן ייִדענעס זיך די הענט:
— זאָל ער אייַנגעזונקען ווערן!
— זאָל ער אויסקרענקען דעם קרן
און דערנאָך שוין דעם פּראָצענט!

איז מען גלייַך אַוועק צום רב.
זאָגט דער פּאַסטעך צו די שאָף:
— איידער ווען און איידער וואָס
דאַרף מען אָנקוקן דעם שלאָס.

אויב דער טירשלאָס איז אַ שוואַכער
דאַרף מען גוט די טיר באַוואַכן,
ווײַל די טיר איז אײַער עדות...

— רבי, וועגן געלט די רייד איז.
— דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך.
איצט באַטראַכטן מיר דעם דאַך.
אויב דער דאַך, חלילה, רינט,
אויפֿן בוידעם פּײַפֿט דער ווינט,
דאַרף מען באַלד דעם דאַך פֿאַרלאַטען
מיט אַ ברעטל, מיט אַ שמאַטע...

— וואָס מיר שמאַטע, ווער מיר ברעטל?
כעלעם איז איין גרויסער בעטלער —
פֿון און פֿראַך האָט ער געמאַכט...

— דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך.
וווּ זשע האָבן מיר געהאַלטן?
באַלד פֿאַרשמירן אַלע שפּאַלטן,
איבערפֿאַרבן גלײַך די טיר
אין אַ לײַטישן קאָליר —
אם-ירצה-השם וועט זײַן פּרנסה...

— רבי, בלוט האָט ער פֿאַרגאָסן —
כעלעם האָט ער אומגעבראַכט!

דאָ האָט זיך דער רב פֿאַרטראַכט
און געזאָגט:
— הערט, רבותי, קומען מוז ער —
קושן מוז ער די מזוזה —
נישט געזאָרגט!

אברהם אָבינו

אַ כעלעמער לעבט און שטאַרבט אין כעלעם —
מען פֿרעגט אים נישט צי אים געפֿעלט.
ווער שמועסט, אַ יתום, וואָס פֿון וויגל
אויף פלאָג און קלאָג איז אויסגעשטעלט.
ווּ נעכטיקט ער? די פֿייגל ווייסן
און דער צוקאָפּנסדיקער שטיין...
אין כעלעם איז דאָס לעבן ביטער
און ער — אַ וואָרעם אינעם כריין.
פֿון קינדוויַיז אָן אַריַינגעקראָכן
און מיינט, קיין זיסערס נישט פֿאַראַן.
מיט כעלעם לייַב-און-לעבן איז ער,
מיט כעלעמער ער גייט אין שפּאַן.
דער לאַנגער שטריק אויף זיַינע לענדן
האָט צוגעבונדן אים צום מאַרק,
די אַקסלען בענקען נאָך אַ משׂא,
עס בעט זיך אינעם עוֹל דער קאַרק.
נאָר קיינער רופֿט אים נישט, מען ווייסט שוין,
דער מאָגן האָט אים אויפֿגעוועקט
און קומען וועט ער אומגעבעטן
און איבערטאַסקען שווערע זעק...

ער וואַקסט אויס אין די קרומע געסלעך —
ווּ נישט פֿאַרזייט, דאָרט איז ער דאָ:
ער ברענגט אַ ברעמע האָלץ דעם בעקער,
וואָס איז פֿון מעל און יאָרן גראָ.
אַ קינד ער הוידעט אין אַ מולטער,
וויַיל ס'איז דאָס קינד אין שטוב אַליין,
ער ציט אַרויס אַ יאַט פֿון בלאָטע
און טראָגט פֿון חדר אים אַהיים.

אַ קו ער שלעפּט אַראָפּ פון בוידעם
און פונעם דאַך — אַ ווילדע ציג...
ער שפּאַנט אַרום — אַ זאַק מיט מצוות
אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק.
און צווישן מנחה און מעריב דרימלט
די שכינה אויף זיין ברייטער ברוסט.
ער כאַפּט זיך אויף און זוכט דעם מלאך
וואָס האָט דאָ-ערשט מיט אים געשמועסט:
— שטיי אויף און טראָג אַרויס דעם עמוד! —
באַפעלט אים אַ צעדולטער לץ.
דער עמוד שטייט אין מיטן שולהויף —
אַזאַ געליימטער מאַלאָדיעץ!
— — — — — — — —
— — — — — — — —

די גאַסן האָבן זיך פאַרהויקערט,
דער מאַרק איז שוין פון שרייען מיד.
אויף שוואַכע פּלייצעס ס'פּעקל יאָרן
ער טראָגט צוריק פונעם יאַריד.
אין הקדש ליגט אַ דאַרער זקן,
אין זיינע אויגן טאָגט די נאַכט.
— ווי רופט מען אייך?
— אברהמל הייס איך... און האָט די אויגן צוגעמאַכט.

— אברהם?
— געהאַט האָט ער אַ טאַטן? —
געפרעגט האָט כעלעם און געקלערט.
דערנאָך האָט קהל זיך געוווּנדערט —
דער שטאָט אַזאַ מין גליק באַשערט:

אַ קינד ער הוידעט אין אַ מולטער

דאָ לעבן זאָל דער למד-וואָווניק
אברהמל — ווי אין פסוק שטייט —
אברהם בן-תרח... האָט גאַנץ כעלעם
דעם אַלטן אין זײַן רו באַגלייט.

און ווײַבער קומען אויף זײַן קבר,
דעם צאַם מיט טרערן מען באַנעצט:

פּ. נ.
איש תם מחכמי כעלעם
אברהם אָבינו
מאָלאָדיעץ.

כעלעמער לייבן

זינט כעלעם איז כעלעם, אַזוינס נישט געשען —
אַ כעלעמער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.
אַראָפּ פֿונעם זינען, בײַם קלאָרן געדאַנק? —
אַרײַן אין אַ שטײַג צו די כעלעמער לייבן.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט איז דער עולם געגאַן.
געקומען באַטראַכטן דעם גרויסן בייזוווּנדער;
אַ כעלעמער זיצט זיך מיט לייבן אין שטײַג
און רייצט די דערשראָקענע חיות און מונטערט:

— איַ לייבעלעך, טײַערינקע, בײַסט מיך און רײַסט,
מיר אַלץ איז דערעסן, דאָס לעבן ז׳מיר נמאס!
די גרויזאַמע לייבן שמייכלען צו אים —
פֿון כעלעמערס יאוש זיך מאַכן אַ צימעס?

פֿון זינט דער משוגענער זיצט אין דער שטײַג
מען האָדעוועט זיי מיטן שענסטן און בעסטן:
מיט קעלבערנע ריפּעלעך, לעמערן פֿלייש,
מיט לעקערס ווי פּוטער און לעבערלעך עקסטרע.

אין טעפּ און פֿאַטשיילעס מען טראָגט און מען שלעפּט
געשמאַקע געבעקסן, באַטעמטע מאכלים:
מאַיינע און ראָסל-פֿלייש, פֿיש און פּעטשע —
דעם כעלעמער האָט זיך אַזוינס נישט געחלומט.

וואָס טויג, אַז ער עסט נישט און טרינקט נישט — ער שטאַרבט!
— אוי, כעלעם, ווי קוקן דער וועלט וועסט אין פּנים?
דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט זיך כעלעם געקהל׳ט,
ווײַל כעלעמער זענען חכמים-רחמנים.

— מען טאָר נישט דערלאָזן!
— ווי קומט עס צו אים?
— ווער שמועסט נאָך — אַ כעלעמער חכם בן חכם!
— פֿינעף פּיצעלעך, נעבעך!
— אַ ווייַב מיט אַ ציג.
— אַן אומגליק!
— אַ כעלעמער שטוב ווערט צעבראָכן.

האָט כעלעם דרייַ שליחים געשיקט צו דער שטייַג
דעם זעלבסטמערדער וואָרענען, שרעקן מיט חרם,
און פּועלן ביי אים ער זאָל קומען אַהיים.
אומזיסט! — נישט געוואָלט האָט דער כעלעמער הערן.

האָט קהל אים צוגעזאָגט אייביקע קעסט,
פֿאַרלויפֿן די וועגן אים — שפּע און לאַסקע...
באַשליסט שוין דער מענטש צו פֿאַרלאָזן די שטייַג,
נאָר כעלעמער לייבן זענען נישט מסכּים.

ווייַל כּל-זמן דער זעלבסטמערדער זיצט אין דער שטייַג
די לייבן די כעלעמער זענען מחותּנים:
„עסט, לייבעלעך, לעבערלעך, און לאָזט אים צורו!"
די כעלעמער לייבן — נישט קיין נאַראָנים.

האָט קהל באַשלאָסן — קיין ברירה נישטאָ —
זאָל צווישן די חיות דער כעלעמער לעבן,
נאָר בייַטן דעם נאָמען ער מוז, ר' אברהם,
און הייסן זאָל ער פֿון הייַנט אָן אריה-לייבל.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אַ כעלעמער זיצט זיך מיט לייבן אין שטייג

קיין כעלעם צו פֿאָרן מען קומט פֿון דער ווײַט,
פֿון קאַנטאָן-גיגאַנטן און לענדעלעך קליינע,
און שעהענלאַנג שטייט מען אַנטציקט פֿאַר דער שטײַג —
אַ כעלעמער לעבט מיט די חיות אינאיינעם.

צו פֿליִען קיין כעלעם מען קומט פֿון דער פֿרעמד
אויף גילדענע פּאַוועס, אויף פֿליגל פֿון לידער,
און טײַכן פֿאַרגיסט מען דאָרט טרערן פֿון פֿרייד —
די חיות מיט כעלעמער לעבן ווי ברידער.

...און הערן דאָס וויגליד, און טאַפּן די ווענט
אין היימישער שטאָט, ווו געווען קבֿר-אָבֿות,
אַרויסלאָזן דאָרט אַ פֿאַרעלטערטן זיפֿץ
און טרײַבן מיט כעלעם אַ ביסל קאַטאָוועס...

ווי קומען די לייבן קיין כעלעם? — איר פֿרעגט.
אַ סבֿרא, אויף כעלעם איז אַלצדינג צו גלייבן.
ווו חכמה איז גבֿורה, ווו גבֿורה איז שטאָלץ —
עד-היום דער כעלעמער לעבט צווישן לייבן.

1971

דער שטריקלדרייער

— זאָל כּעלעם זיך ווייניקער שלאָגן על-חטא,
דעם חזן אַ ציג זאָל מען קויפֿן,
ווײַל כּל-זמן ער זשיפּעט, איז נישט צו שפּעט —
געטענה'ט האָט משהלע רופֿא.

צוויי כעלעמער שליחים וואָס קהל האָט געשיקט
אויפֿן לאָדזשער יאַריד איז געלונגען
פֿאַר שיקעלע זינגער באַקומען אַ ציג,
וואָס אויסהיילן וועט זײַנע לונגען.

די שליחים זיך לאָזן אין וועג אויף צוריק —
די ציג וויל פֿון כעלעם נישט הערן;
צעקײַעט און אײַנגעשלונגען דעם שטריק,
ווי גאָרנישט געשען — מעלה-גירהט.

איז איינער פֿאַרבליבן דאָרט היטן דעם שד,
דער צווייטער — קיין כעלעם זיך עצהן:
וואָס טוט מען, ס'העלפֿט נישט קיין נוקען, קיין גלעט,
כאַטש נעם זי און טראָג אויף דער פּלייצע.

האָט כעלעמער קהל געטראַכט און געקלערט
וואָס גלײַכער — אַ בײַטש צי אַ דריקל?
נאָר היות, אַ ציג איז פֿאָרט נישט קיין פֿערד,
איז נייטיק סך-הכּל אַ שטריקל.

עס רעדט זיך — אַ שטריקל, ממש אַ שטריק,
די לענג אַזש ביז לאָדזש זאָל דערגרייכן,
און כעלעם בציבור וועט שלעפּן די ציג
און נאָכלאָזן — שלעפּן מיט שׂכל.

איז קהל געלאָפֿן אַהינטער דער באָד
צום כעלעמער שטאָט-שטריקלדרייער.
צוויי זעקלעך מיט קלאָטשע, די גרויסע ראָד
האָט צוגעגרייט באַלד אברהם-מאיר.

צעריבן דעם שפּײַ ער האָט אין די הענט,
געזאָגט אין דער וועלט אַרײַן: אייסעך!
קיין מעריב-זײַט זיך מיטן הינטן געווענדט
און דרייען די ראָד געהייסן.

איין עק שטעקט אין כעלעם, דעם אַנדערן עק
ער ציט צום יאַריד דעם לאָדזשער,
מיטן הינטן אויף פֿאָרנט ער גייט אויפֿן וועג
און האָט זיך אַוודאי פֿאַרבלאָנדזשעט...

עס קומען ידיעות קיין כעלעם פֿון ווײַט:
קיין ווילנע דערגרייכט האָט דאָס שטריקל,
ער גריסט פֿון פּאַריזש, פֿון ברוקלין — אָלרײַט! —
דאָס שטריקל ער דרייט און צעוויקלט.

פֿאַרגעסן האָט כעלעם שוין וועגן דער ציג —
אויף יענער וועלט שיקעלע זינגער,
נאָר כעלעמער פֿאָלגן נאָך אַלץ נאָכן שטריק
און ווײַזן דאָס אָרט מיטן פֿינגער.

פֿאַרטאָן אינעם שטריקל איז כעלעם די שטאָט:
וווּ אָנשפּאַרן וועט אברהם-מאיר?
און נײַע חכמים דרייען דאָס ראָד,
און ס'וויל זײַן אַיעדער דער דרייער.

דער כעלעמער בוידעם

אַ שׂרפֿה אין כעלעם איז גאָרנישט קיין נײַעס —
דער עולם בענטשט גומל, צו ביסלעך פֿאַרגעסט מען,
נאָר דאָס מאָל געשמועסט האָט מען וועגן אחריות,
ווײַל אָפּגעשאַצט האָט מען דעם אומגליק אַלס גרעסטן.

אַוועק מיטן פֿײַער די גראַגערס און פֿלאָדן,
פֿאַרצוקערטער שטרודל און שאר שלח־מנות,
און וויפֿל של־ראשן, אַזוי פֿיל של־ידן,
און דרשה־געשאַנקען און פשוט מתנות.

האָט קהל גערופֿן אַ גרויסע אסיפֿה.
געקומען צו לויפֿן די כעלעמער נשׂרפֿים
מיט אויגן ווי ליידיקע ברונעמער טיפֿע
די שולדיקע זוכן, געפֿינען, באַשטראָפֿן:

דער שיכורער ווינט האָט צעבלאָזן דאָס פֿײַער,
צעוואָרפֿן די פֿונקען אויף שטרויענע דעכער —
באַצאָלט פֿאַרן צוטרוי צום ווינט האָט מען טײַער
און אויסגעשטעלט איז מען אויף לײַטיש געלעכטער.

דאָס וואַסער איז פלוצעם פֿון כעלעם אַנטרונען —
צי אויף אַ רפֿואה געווען איז אַ טראָפּן?
פֿון פֿאַס ביז דער שפּענטע עס איז אויסגערונען —
אַרויסגעשלעפּט עמעץ בײַ נאַכט האָט דעם צאַפּן.

די שולדיקע כאַפּן — וואָס וועט מען געווינען?
נאָר כעלעמער האָבן די הענט נישט געבראָכן.
פֿאַרבליבן אין הערצער אַ פֿונק פֿון אמונה,
פֿאַרוואַלגערט עס האָט זיך אַ ברעקל בטחון.

דער בּורא וועט כעלעם די שטאָט נישט פֿאַרלאָזן
און קומען צו הילף די חכמים, פֿאַרשטייט זיך,
פּאַוואָליע, צו ביסעלעך, נישט בחפּזון
יאַקאָש וועט דער עולם זיך געבן אַן עצה.

האָט קהל געטראַכט, און געקלערט און באַרעכנט,
אַז אפשר גערעכט איז דער בלעכער ר' אלי:
אָנשטאָט די צעוואָרפֿענע שטרויענע דעכער
איז גלייַכער איין בלעכענער דאַך איבער כעלעם.

האָט געדרשנט אַזוי דער דיין: — רבותי,
אַ גוטן געדאַנק דאַרף מען אָפּוועגן קודם.
אויב גרויס איז דער דאַך,
איז דער בוידעם אַ גרויסער,
און אויסלאָזן קאָן זיך אַ גרעסערער בוידעם.

נאָר כעלעם מוז קלערן און האַנדלען ווי בעסער —
און צוזוכן וועט מען אַ בלעכער אַ קענער,
דעם דאַך איבער כעלעם ער מאַכן זאָל גרעסער
און זאָרגן, דער בוידעם זאָל זייַן עטוואָס קלענער.

אַ בייטשעלע קרעלן

מייַן באָבעשי האָט מיר אַ מעשׂה דערציילט,
און זי האָט די מעשׂה געהערט פֿון איר באָבען —
אַן אַלטע געשיכטע וואָס האָט שוין אַ באָרד, —
ווי ס׳האָבן צוויי ברידער פֿאַרדינט עולם־הבא.

טאָ הערט זשע די מעשׂה, ווער הערן עס וויל.
נישט אָפּגענוצט ווערן פֿון הערן די אויערן.
אַזעלכע געשיכטעס זענען אַלט און נייַ —
די צייַט האָט די בערדיקע מעשׂיות באַשוירן.

צוויי ברידער אַמאָל אין אַ שטעטל געווען.
געהייסן דאָס שטעטל מסתמא האָט כעלעם.
און מאי־נפֿקא־מינה אויב כעלעם צי ניין? —
אַ קרעל אינעם שטעטלישן בייַטשעלע קרעלן.

אַמאָל אין אַ שטעטל צוויי ברידער געווען,
דער ערשטער אַ נגיד, דער צווייטער אַ קבצן.
דער אֶביון — אַ סופֿר, אַ סוחר — דער גביר,
דער אַ בעל־צדקה און יענער — אַ קמצן.

פֿאַרשטייט זיך, דער קבצן צום נגיד קומט אָן,
נאָר כעלעם אַ טבע פֿאַרמאָגט אַ קאַפּוירע —
דער נגיד צום קבצן קלאַפּט אָן אין דער טיר
און שטייט אויף דער שוועל, און ציטערט פֿאַר מורא.

ער שטאַמלט, די ווערטער ער ברענגט קוים אַרויס:
— גערענק, איך הייס נחום, מייַן ווייַבל — נחמה.
ווייַל קינדער מיר האָבן נישט און נישט געהאַט,
זע, ברודער נאָך אונדז זאָל פֿאַרבלייַבן אַ נאָמען...

דער נגיד געשטאָרבן איז גלײַך אויף דער שוועל.
דעם סופֿר האָט קהל באַשטימט פֿאַר אַ נאמן.
דעם ברודערס פֿאַרמעג האָט דער סופֿר צעטיילט —
בײַ כעלעמער אָפּגעקויפֿט האָט ער די נעמען.

אַ נאָמען אין כעלעם געהאַט האָט אַ ווערט —
נישט ביליק געקאָסט האָט אַ קינדערישער נאָמען,
ר' נחום האָט אָבער אַן עשירות געלאָזט —
איז תיכף געבוירן געוואָרן נחמה.

אויף יענער וועלט האָבן די זיידעס געקרעכצט,
די באָבעס אין חלום רק שטיקער געריסן.
דער סופֿר האָט גאָלד — מזומנים געצאָלט
פֿאַר נעמען אויף לעקעד-און-בראָנפֿנס און בריתן...

און אויב איר וועט טרעפֿן, און ווו ס'זאָל נישט זײַן
די נעמען: נחמה, נחמיה צי נחום,
זײַט ווייסן — די באָבעשי האָט מיר געזאָגט —
פֿון כעלעם עס שטאַמט, פֿון אַ כעלעמער חכם.
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

די מעשׂה איז אויס. און ווו איז דער סוף?
מען רעשט אָפּ אַ לעבן, פֿאַר וואָס און פֿאַר וועמען?
איז אפֿשר שוין בעסער צו ווערן אַ גביר
און קויפֿן אין הורט אַ שטעטל מיט נעמען?

ווײַל קינדער פֿאַרמאָגט מען הײַנט איינס אָדער צוויי,
וואָס גייען אַוועק אויף זײַטיקע דרכים.
איז אפֿשר דער קבצן מיט קינדער אַ טוץ
דער הײַנטיקער עושר, דער אמתער חכם?

פֿאַרשטייט זיך, דער קבצן צום נגיד קומט אָן.
אין כעלעם די טבע דאַרף זײַן אַ קאַפּוירע:
דער נגיד זאָל קלאַפּן צום קבצן אין טיר
מיט יראת-הכּבוד, מיט האַרץ און מיט אויערן...

„איַי, — טראַכט איר, — די מעשׂה אַליין אויסגעטראַכט,
און צוגעטראַכט האָסטו דײַן באָבע פֿון כעלעם.
איז מאי-נפֿקא-מינה פֿון כעלעם, צי ניין? —
אַ קרעל אינעם שטעטלישן בײַטשעלע קרעלן.

במקום אַ נאָכוואָרט

„— וואָס איז אַזוינס כעלם? — האָט מיך געפרעגט אַ יונגער דיכטער. איך האָב געענטפערט:

— כעלם איז אַ פּאַראַדיז אויף דער ווירקלעכקייט.

אין דער וווּנדערלעכער, פון פאָלקס-חכמה באַשאַפענער כעלמעיאַדע איז כעלם אַ שטאָט נישט פון נאַראָנים, נאָר פון טשודאַקעס, וואָס טוען אַלצדינג מיט אַ „שכל"... נאָר דער „שכל" איז אַ פּאַראַדיז אויפן שכל-הישר... דער כעלמער „שכל" איז שוין צו שכלדיק און פאַלט דעריבער אַרויס פונעם ריאַלן.

מען קאָן זאָגן, אַז אין דער כעלמעיאַדע שפּילט כעלם די ראָל פון אַ קאָלעקטיוון דאָן-קיכאָט, און דאָס פאָלק, וואָס האָט די כעלמעיאַדע באַשאַפן, האָט די ראָל פון סאַנטשאָ פּאַנטשאָ: ער האָט ליב די כעלעמער, שמייכלט אָפּ פון זיי גוטמוטיק.

איז אָבער כעלם אַ לייבלעכער ברודער פון זיין אָפּשמייכלער, אייגנטלעך די צווייטע זייט פון דער מטבע.

איז די גאַנצע כעלמעיאַדע אַ געוויסער שטילער „לויב דעם וואַנזין" וואָס רופט זיך איבער מיטן גרויסן חכם עראַזמוסעס באַרימטן ווערק.

קאָן, מעגלעך, כעלם ענטפערן זיין באַשעפער דאָס, וואָס דאָן-קיכאָט זאָגט אין אַ געוויסן מאָמענט צו סאַנטשאָן:

— ביסט מער „משוגע" איידער איך."

✶

מיט מיין פולער הסכמה דאָס איבערצודרוקן.

אַ געזעגענונג-מתנה דעם פריינד זעלצער

משה אַלטמאַן

טשערנאָוויץ, י"ד תשרי תשל"ד

אינהאַלט:

5 אַ וואָרט פריער

די דריטע אשמורה

7 לייז אויס מיינע טרערן...
9 שלום-עליכם!
10 ווּהין כ׳זאָל נישט גיין
12 צווישן מנחה און מעריב
13 אין לאַנגע נעכט
14 בן ששים לזקנה
16 צייט און וועגן
20 איך פאָר קיין עין-שמר
23 די זון איז דאָ אַ וואַרעמע
24 איך האָב געבראַכט דיין בלוט
26 און אַז איך שטויס זיך אָן
27 שטייט אַ בוים
28 אויף מיין גאַס
30 ווייז מיר דיין דלאָניע
31 זאָלן ברענען דיינע טרערן
33 דיין יאָרצייט איך זוך
34 מאַמע, ווען...
35 קישענעוו 1903
37 באַלאַדע וועגן מיין טאַטן
39 אויף שטעגן פון נעכטן
40 געווען אַזאַ צייט
41 EX LIBRIS
45 די בלינדע נאַכט
46 אַ זעלטענע מציאה
48 דער ניגון
51 דער מצבה-קריצער
53 בטחון
54 באַלאַדע וועגן פּאָעט
57 אַ וויסטער חלום
60 דער פלעשער-ייד
62 דער בלעכער
65 באַלאַדע וועגן קוימענקערער
68 דער ווייסער רייטער וועט קומען ביי נאַכט
69 באַלאַדע וועגן די דריי ווייבער
74 פיר פון איין ווערטל
75 די פיר קרעטשמעס

די פעסטונג פון חכמה

82 באַלאַדע וועגן כעלעם דער שטאָט
84 דער כעלעמער נאַר
88 אַ פּאַרטיקער ייִד
91 דער פאַרלוירענער קאָפּ
94 אויף לוחות פאַרשריבן
97 כעלעמער כאַפּן דעם ווינט
100 אריכות ימים
102 ווּו קומט אַהין די צייט
105 דאָס טרייפע קעלבל
109 די קאַלטע שול
112 אין אַן ערב פסח
116 כעלעמער שליחים
119 דער בלייענער פויגל
123 דאָס פאַרכישופטע ראָד
126 דער מילדער פריץ
129 די פעסטונג פון חכמה
133 די שקראַבעס
137 ווער איז אַ כעלעמער
139 כעלעמער סטראַכאַווקע
141 ר׳ גאַווריליאַ בר-תנורא
145 ווּעמען קומט דער כבוד ?
149 די ווילדע ציג
152 כעלעמער דאַווענען בציבור
155 בערל באַטשאַר
157 קומען מוז ער
159 אברהם אָבינו
163 כעלעמער לייבן
167 דער שטריקל-דרייער
169 דער כעלעמער בוידעם
171 אַ בייטשעלע קרעלן
174 במקום אַ נאָכוואָרט

24 צייכענונגען